STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02966

GEHEYMSHTOT FUN AVRAHAM SUTSKEVER

Ezekiel Brownstone

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל בראָנשטיין

געהיימשטאָט פון אברהם סוצקעווער

ארויסגעגעבן דורך **נחמן ויידענוועבער** (פּאַרזיצער

פון דער יידישער שול אין מעקסיקע)

1952 מעקסיקע, ד. פ. תשי״ב

מיין אַרבעט איבער אברהם סוצקעווערס „געהיימשטאָט" איז אַ פּרואוו צו באַנעמען, פאַרשטיין און אַנאַליזירן דעם גרויס־קינסט־לערישן ווערט פון דער פּאָעמע און זאָל גלייכצייטיק אויך דינען ווי אַ באַשיידענער אויסדרוק פון פאַרערונג, ליבשאַפט און באַגייסטע־רונג פאַר דעם דיכטער און זיין דיכטונג.

סוצקעווער וואָס האָט געשריבן: „...מיר דאַכט, אַז אויך מיין האַרץ איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטער. עס קלאַפּט אין מיר וואָס אַנדערש..." („ווילנער געטאָ", ז. 230), זעט מיר אויס צו זיין אַנדערש און אַפילו מער ווי דאָס, לויט דעם איינדרוק פון זיין טאָג־טעגלעכער באַנייאונג און אויפוווּקס פון זיין דיכטונג. ער איז עס אַפילו אין זיין פּריוואַטן לעבן! זעט למשל, ווי אַזוי סוצקעווער רעאַ־גירט אין אַ בריוו אויף זיין קראַנקהייט: „כ'בין נאָך אַלץ ליידער צו געקנעבלט צו די קאַפּריזן פון לייב..."

בלויז אַ דיכטער פון זיין קאַליבער קען אַזוי פאַראיינפאַכן און דערהויבן אַ וואָכעדיקן ענין צו דער וויזיע פון דיכטונג, אין אַ בריוו צו אַ חבר. „צוגעקנעבלט צו די קאַפּריזן פון לייב", ווייטיקט מיט דעם פּאַטאָס פון וואָרער דיכטונג.

איך דריק דאָ אויס מיין האַרציקסטן דאַנק דעם באַקאַנטן קולטור־טוער נחמן זיידענוועבער, פאַר דערמעגלעכן די דערשיינונג פון מיין בוך.

דער קולטור־אַקט פון חבר נחמן זיידענוועבער, וואָס איז דער פאָרזיצער פון דער יידישער שול אין מעקסיקע — מעג דאָ דינען

ווי א מוסטערהאפטער ביישפּיל פאר אנדערע קולטור־טוער אין אונד־זער גאַרער צעשפּרייטקייט, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען זייערע אני מאמינס אין קאָנקרעטע אקטן, לטובת אַלע אונדזערע קולטור־נויטן אין אַלע אירע פאָרמען.

צום סוף מיינס א ליד וואָס איך ווידמע אונדזער דיכטער אברהם סוצקעווער:

דער דיכטער

עס שטאַרבט דער דיכטער אַלע טאָג
און ווערט צוריק געבוירן,
עס גייט דאָס לעבן אים פאָראויס —
זיין ליד גייט נישט פאַרלוירן...

ער טראָגט זיך צו אַ ווייטן ציל
און שפּאַנט אַריבער דורות;
ער קומט אָן תמיד וווּ ער וויל
מיט פלאַם פון נייע תורות

וואָס לויכטן אויף אין זיין געמיט
מיט זעאונג פון די סופן,
וואָס ניגונט־אויף ביי אים אין ליד
מיט פרייד צו די ארויפן...

יחזקאל בראָנשטיין

ביז נישט לאנג צוריק זענען מיר אלעמאל געווינט געווען צו זען א יידישן שרייבער, איבערהויפט א דיכטער — בלויז אין די ראמען פון זיין ארבעט: שרייבן.

מיר האבן זעלטן ווען געזען אדער געהערט פון א שרייבער, וואס זאל בפועל ממש פארוואנדלען זיין ווארט אין א פון־אים־אליין דורכגעפירטן אקט אין לעבן. אויב פאעטן יידישע האבן ביי אונדז יא זיך פארנומען מיט פובליציסטיק אדער פאליטיק, איז ווי גע־וויסנהאפט און ערליך זיי האבן נישט דורכגעפירט זייערע התחיי־בותן, האבן זיי בדרך כלל מיט זיך דאך ניט פארגעשטעלט קיין די־רעקטן סינטעז פון ווארט־און־טאט. דעריבער האבן זיי קיינמאל ניט געקאנט דינען ווי א מוסטערהאפטער ביישפיל פאר דעם פאלק, וואס פארגעטערט אלעמאל זיינע שריפטשטעלער, קוקט צו זיי ארויף און דערווארט פון זיי אלעמאל עפעס געוואגטעס און גרויסעס, אין שייכות מיט א דעמאנסטראטיוון אקט לטובת דעם כלל, ווי א דירעקטן פועל יוצא פון זייער אייגענעם ווארט, וואס ווערט פילטרירט און געלייטערט אין דעם הארץ און בלוט פון דעם דיכטער.

אונדזער היינטצייטיקע ליטעראטור וואס איז אויפגעקומען פאר דער בלוטיקער היטלער־תקופה, קען זיך למשל נישט בארימען מיט דעם אקט פון א שרייבער וואס זאל האבן גענומען נקמה פאר די עולות וואס ווערן באגאנגען קעגן אונדזער פאלק, ווי דער אקט פון א הירש לעקערט למשל, אין דעם נאמען פון דער ארבעטער באוועגונג.

אויב שלום שווארצבארד ע"ה האט יא דורכגעפירט אן אקט פון נקמה קעגן פעטליורען, איז ער ערשט דערנאך געווארן א שרייבער, דערצו נאך א שרייבער פון מעמוארן און — נישט פריער. (די פאר

שוואַכע לידער וואָס ער האָט יאָ אַמאָל פאַרעפנטלעכט, האָבן אין אונדזער דיכטונג זיך קיינמאָל נישט אָנגענומען).

ערשט מיט דעם אויפקום פון דער פינצטערער היטלער-ממשלה, וואָס האָט זיך מער ווי אָנגעשטרייַנגט אונדז צו דערנידעריקן און דעם מענטש אין אונדז צו פאַרשעמען, האָבן זיך אין אונדז דערוועקט נייע, כמעט אומבאַגרייפלעכע — פּאָטענצן, וואָס האָבן מיטאַמאָל אַ שטוים געטאָן אונדזערע שרייבער צום פאָדערגרונט פון אַקטועלקייט. און אַ סך פון זיי, טאַקע פאַרוואַנדלט אין העלדישע אויספירער פון יענעם נקמה־אַקט קעגן אונדזערע שונאים, פון וועלכן זיי אַליין האָבן הויך געטראַכט, גערעדט און אויך געשריבן.

עס איז גענוג אַ בלעטער צו טאָן די אַנטאָלאָגיע „לידער פון די געטאָס אין די לאַגערן”, וואָס דער באַקאַנטער יונג־ווילניאַנער שריפטשטעלער־פּאַרטיזאַן ש. קאַטשערגינסקי האָט צוזאַמענגעשטעלט און זען, וויפל באַקאַנטע און אויך אַ היבשע צאָל אַנאָנימע, דורכויס אומבאַקאַנטע — דיכטער, מוזיקער און קינסטלער האָבן אין געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און וועלדער, אַקטועל אויסגעלעבט זייערע לידער, דאָס געזאַנג פון זייער בלוט־און-האַרץ. אַזעלכע דיכטער ווי משה שימעל, הירש גליק, דיסקאַנט, דזשעק גאָרדאָן, כתריאל ברוידא, דוד בייגעלמאַן, העלענא גרין, דאָס 17 יאָריק, יינגל־דיכטער יצחק בערמאַן און צענדליקער אַנדערע דיכטער, האָבן נישט נאָר געמוטיקט דאָס פאָלק מיט זייערע לידער אין דער גרויזאַמסטער צייט פון אונדזער גרעסטן חורבן און אומקום, נאָר — זיי האָבן דער עיקרשט זייער וואָרט פאַרבונדן מיט אַן אַקט פון נקמה און מיט זייער אייגענעם אומקום אויף קידוש השם, אָן יעדן צווייפל באַוויזן אַ מוסטערהאַפטן ביישפּיל פון מסירת נפש לגבי דעם גורל פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט גורם געווען די העראָאיק פון דער וואַרשעווער געטאָ.

אַזוי האָט די לעצטע יאָרן דער יידישער שרייבער זיך פאַרשמידט צו זיין וואָרט; וואָרט־און־טאַט האָבן זיך פאַרגורלט און פאַראייניקט; דער גבורהדיקער אויפגעשריי אין אונדזער ליטעראַטור האָט באַקומען אַ נייעם זין, דורך דעם אַקטיוון אָנטייל פון אַ סך פון אונדזערע שרייבער אין די פּאַרטיזאַנקעס, וואָס האָט זיי דער-

הויבן צו אזא מאָראַלישער הויך, וואָס וועט אונדז אײביק דינען ווי א מוסטערהאַפטער בײשפּיל ווי אזוי צו לעבן און צו קעמפן פאַר דעם לעבן ווי א ייד און ווי א מענטש, אין א וועלט פון אכזריות און גלײכגילטיק צו אונדז, ווי א מאַרטירער־פאָלק וואָס האָט אויסגע־האַלטן זײער א סך נסיונות און דאָך באַוויזן אויפצוהאַלטן זײן אײגנ־אַרטיקײט, ביז דעם עקשנותדיקן אויפבלי און נאַציאָנאַלן ווידער־געבורט פון אן אָרגאַניזירט און אנערקענט פאָלק — ישראל. —

אויף דעם גורל פון „יונג־ווילנע" איז אויסגעפאַלן נישט נאָר אַרײַנצושרײַבן אײנעם פון די שענסטע קאַפּיטלען אין אונדזער ליטעראַטור, נאָר אויך — דורך פײַער־און־בלוט — זיך צו פאַראײביקן אין אונדזער געשיכטע ווי קעמפער, גואל הדמ'ס פאַר אונדזער חרוב לעבן.

אברהם סוצקעווער איז אײנער פון די דיכטער פון „יונג־ווילנע" וואָס האָט דורכגעלעבט, דער עיקרשט — דורכגעליטן און אדורכ־געפיבערט דעם גאַנצן גיהנם פון דער היטלער־תקופה, וואָס האָט זיך אגב אין אים אויף תמיד פאַרדיבוקט און אויף אים אויך גע־האַט א געוואַלדיק קרעאַטיוון אײנפלוס, וואָס גײט אים נאָך ווי א שאָטן און שטויסט אים אָן אויפהער צו אומאויפהערליכער דיכטע־רישער באַנײַאונג, אין זין פון שעפערישער אַקטיוויטעט, שפּראַכ־ליכע המצאות, גראַם־חידושים ביז ווירטואָזיטעט, פאָרם־מײַסטער־שאַפט, וויזיאָנערישקײט און אומענדליך עמאָציאָנעלן אויפברויז, אויף אן הינטערגרונט פון א בילדלעכקײט וואָס פאַרכאַפּט ממש מיט איר דינאַמישן אויפבליץ און לויטערע זעאונגען. סוצקעווערס פּאָע־מע איז א סינטעטישע, טיף פאַרוואָרצלט אין דער טרויעריקסטער וואָר פון אונדזער הײַנט און נעכטן, מיט א פאַרטיפטן, וויזיאָנערישן אַרײַנבליק אין דעם מאָרגן. די פּאָעמע איז ווי פון לאַווע אויסגע־גאָסן; וואָרט־און־טאַט זענען דאָ אזוי פאַרברידערט, אז אײנס אָן דעם צווײטן איז גאָרנישט צו באַנעמען און אומצעטײלבאַר, ווי א סיאַמער צווילינג.

די פערזן זײַנע פּולסירן מיט קאָכעדיק בלוט וואָס אײגענען דיך צו צו דער פּאַטעטיק פון זײער טעמאַטיק, פאַרכאַפּן דיך און לאָזן נישט רוען, לאַנג נאָך דעם ווי דו האָסט זײ א סך מאָל און ווידער־אַמאָל געלײענט.

דאָס בוך באַשטייט פון צוויי און פערציק קאַפּיטלען, אַ פאָר־ליד און אַ נאָכליד, וואָס שליסן זיך איינס אין אַנדערן ווי רינגען אין אַ קייט. און כאָטש די אַלע קאַפּיטלען זענען געשריבן אין איין און דערזעלבער פערזנמאָס, זענען זיי אָבער נישט מאָנאָטאָן, אַ דאַנק סוצקעווערס זעלטענער שפּראַך־דערפינדערישקייט, דער עיקרשט — אַ דאַנק דעם דינאַמישן כאַראַקטער און פאָרמען פון זיין טעמאַטיק, וואָס פאַרכאַפּט דיך מיט זיין אָריגינאַליטעט און הויכגראַדיקן פּאַטאָס.

„געהיימשטאָט" שפּיגלט אָפּ די טראַגיק פון אַ פּאָלק זאַלבע־צענט וואָס האָט זיך פאַרגראָבן אין די קאַנאַלן, נאָך דעם חורבן ווארשע און ווילנע.

און איינער פון דעם פּאָלק זאַלבעצענט איז דער דיכטער פון דער געהיימשטאָט — אברהם סוצקעווער אַליין.

די פּאָעמע איז געשריבן, אָן איבערטרייבונג — מיט הארץ און מיט בלוט.

יעדע שורה איז ווי אויסגעהאַקט פון גראַניט און פאַרכאַפּט מיט דער אייגנאַרטיקייט פון סוצקעווערס פאָרמען, שווונג און דינאַמיק.

זיין גראַם איז איבעראַשנדיק מיט זיין נייקייט.

זיין שפּראַך — אַן אומדערשעפּליכער קוואַל פון אינאָוואַציעס, בויגעוודיקייט און טרעפליכע המצאות, איבערגעלאָדן מיט געפיל, בילד, געדאַנקלעכקייט, זעאונגען און בליציקע אַסאָציאַציעס.

זיין ריטם — גראַדליניק און מוזיקאַליש, שטורעמדיק ווי דער ים און פאַרכאַפּנדיק־פאַרפירעריש ווי די מיסטעריע פון דער נאַכט.

סוצקעווערס „געהיימשטאָט" איז פאַרטראַכט און געשריבן געוואָרן ווי אַ ווענדונג צו דעם מאָרגנקינד פון דער צוקונפט:

דו מאָרגנקינד! קום נענטער און איך וועל
פון ווערטער־פאַרבן מאָלן דיר אַ ווינקל
פאַרנאָגלט אין דער וואָר...

און די „ווערטער־פאַרבן" זיינע זענען בילדער־רייך, אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן מיט פּאַטאָס און צייכנס פון דער וואָר, וואָס ברע־נען דיין געוויסן מיט דער מוראדיקייט פון דער אַקטועלער איבער־

לעבונג. ווי אַ דונער שלינגט ער זיך אַריין אין דיין געהער און דו־נערט דיר אין אויער אַריין:

...אַנטפּלעקעריש צעוויקל איך, באַווייז
געשטאַלטן היינטיקע, וואָס ניט פאַרשווונדן
אין דער געדעכעניש פון צייט...

און באַווייזן באַווייזט ער זיי, אין זייער פולער טראַגישער נאַקעטקייט, וואָס פאַרגליווערן דיר דיין האַרץ. ער פאַרגעסט אויך נישט זיין לייענער און ער רעדט צו אים אַזוי:

געדולדיקער לייענער, זוך נישט אַרומעט
דעם דיכטערס פּערזאָן אין דער ווילדער פאָעמע. —
נאָר אויב דו ווילסט דווקא דערשנאַפּן דעם דיכטער,
דערגיין זיין באַציאונג צו זיך און צו יענעם —
גראָב טיפער זיך איין אין די שאָטנס און ליכטער
פון זיינע חברים, דאָרט וועסטו דערזען אים...

האָב איך אָנגענומען דעם דיכטערס עצה, זיך פאַרטיפט „אין די שאָטנס און ליכטער פון זיינע חברים" וואָס ער האָט דאָ באַ־לעבט מיט דעם זעלטענעם כוח פון זיין פען, און „דאָרטן" דערזען אים" און געהערט ווי ער תפילהט:

אָ ווערטער, שאָטנס פון מיין בלוט און גאַל,
איך קלאַמער זיך אָן אייך און פרוו דערציילן.

זיין פאָעמע איז אָבער אַ סך מער ווי אַ „פרווו (צו) דערציילן", ווייל זיין „בלוט און גאַל" צירקולירן אין איר טאַקע אויף אַן אמת און פאַרשווענקען דיין גאַנצן מהות בשעת דו לייענסט איר. —

ביים סאַמע אָנהויב פון בוך טרעפן מיר דעם דיכטער אין דעם פון־אים־באַמאָלענעם רעטראָספּעקט פון אַ האַרבסטזון. סוצקעווער זינגט:

אין טיגל פון יידפאַרגאַנג האָט זיך געשמאָלצן
אַ זילבערנער לייכטער, אַ קוימען, אַ דינע,
צעשפּליטערטע שויבן, פאַרסאַזשעטע האָלצן,
דער שולהויף, די בוינע, דער צאָרן, די שנאה,
די ביקס אויפן טורעם, דאָס קינד אינעם וויגל,
און אַלע בעשטאַלטן דערטרונקען אין שפּיגל.

ער לאָזט זיך אָבער דאָ נישט פארגליווערן און ער פרעגט אימפּולסיוו:

צי ווייל ס׳האָט אַ חלום באַפוילן מיין ראיה
אַדורכשניידן שיכטן, באַזינען די וואָרקייט?
און ער געפינט באַלד דעם באַשייד:
עס האָבן די גלידער געעפנט אַ וויע
צו זען אין די ליידן אַ בלענדיקע קלאָרקייט.
מיט גלאָז אין טשופּרינע ווי גליווערים קאַלטע
האָב איך זיך געשאַרט דורך די געסקעס די אַלטע.

אזוי דערזעט ער גלייך „אין די ליידן — אַ בלענדיקע קלאָרקייט" און עס ווערט פאַר אים באַלד קלאָר, אַז ער באַדאַרף, עס איז פאַר אים אַ מוז, צו „באַזינען די וואָרקייט," דער דאַנקבאַרער זין און ציל פון זיין „געהיימשטאָט"-פּאָעמע. עס שטעלט אים אָפּ אַ פרוי און זאָגט אים:

פאַרמאָגסטו קיין אַנדערן, בעסערן וועג ניט —
אַהער, קום אַריין אין געהיימשטאָט און פרעג ניט.

אזוי קומט סוצקעווער אָן אין דער געהיימשטאָט, וווּ עס איז אים באַשערט, ווי מיר וועלן באַלד זען — צו שפּילן אַ גאָר גרויסע ראָלע און ווערן דער דיכטער פון אונדזער פאָלק זאָלבעצענט.

די פרוי שוין אַ זקנה, פאָרויס האָט געהונקען,
פאַרהויבן פון ברוק אַ פאַרזשאַווערטע גראַטע
און מער איז די זונשיין אויף אונדז ניט געפאַלן,
מיר זענען אַראָפּ אין דעם תהום פון קאַנאַלן.

און דאָ, אין דעם „תהום פון קאַנאַלן", טיילט ער דעם גורל פון דעם פאָלק זאָלבעצענט, אויף זיין מאַרטירער־וועג צו ליכט און פרייהייט. עס נעמט אים באַלד אַרום אַ מורא און ער פרעגט פאַרביטערט:

אַצינד, מיט דער נאַרישער הויט אויף די לענדן,
איך שווים אין געשטאַנק, דורך אַ קלעפּיקן פינצטער
אין מויזלאָך־געוועלבן. צו וועמען זיך ווענדן?
אַ וווּ איז אַן אָפּרו, אַ שטערן אַ מינדסטער?

נישטאָ קיין באַשייד. דער חושך פון קאַנאַל איז נישט איבער־

קלייבעריש און ער פארשלינגט אַלץ-און־אַלעמען — אינגאנצן. און סוצקעווער דערציילט ווייטער: דער

זכרון געדענקט נישט ווי לאַנג כיבין געשווומען
דורך כלערליי רערן אי ברייטער, אי שמעלער.
אַ שעה צי אַ יאָר? נאָר מיר זענען געקומען
צו עפּעס אַן אָפּגעשייט אָרט ווי אַ קעלער.

מיטאַמאָל אָבער באַפאַלן אים „שוואַרצאַפּל־געשטאַלטן" וואָס באַשמעקן אים ווי חיות... און יעדער איינער נישטערט אין אים „זיין פארלוירנס".

עס לעבן נאָך יידן? קומט דין אַ געווימל:
ניט שוין זשע געבליבן בלויז צען? (און דאָרט אויבן,
געזען דורך אַ גראַטע, אויף פּיצעלע הימל,
עס האָבן אַרומגעלופט זוניקע טויבן.)
— פון צען — האָט אַן אָטעם געגרייזלט זיך בלוילעך —
וועט ווערן אַ פאָלק, אויף להכעיס דעם מולך.

אזוי האָט ביי דעם ערשטן באַריר פון דעם דיכטער מיט דעם פאָלק זאלבעצענט אין אים גלייך אויפגעבטחונט דער גלויבן, אַז „פין צען וועט ווערן א פאָלק, להכעים דעם מולך. און אין דעם „ווערן א פאָלק" להבא, נאָך דעם בלוט־מבול — „להכעים דעם מולך", באַשטייט דאָס זינלעכקייט פון סוצקעווערס מייסטערהאַפּטער פּאָעמע „געהיימשטאָט".

דעם דיכטער נעמט נישט לאַנג זיך צו אָריענטירן אין דעם קאַנאַל־חושך אויף דער אַרומיקער סביבה. ער זעט און באַמערקט:

דאָס פּאַסיקל טאָגליכט, וואָס פאַלט דורך אַ גראַטע,
אַנטרינט ווי אַ גנב אין תהום פון די רערן.
ביי איינעם אַ שאָטן באַמערק איך אַ לאַטע,
ביים צווייטן — די תפילין צעבליט אויפן שטערן.
און אינמיטן, גאָר אומגעריכט —
אַ קינד! — נאָר בעת מעשה איז קיינער ניט זיכער.
פאַרטייטשט מיין געבערנגערין: כיהאָב פון אַ ברונעם
דערהערט אַ געצאַפּל, דעם נפש געפונען.
דאָ ניגונט אפילו אויף דאָס געזאַנג פון „מה טובו" און —
אַ האַנט איז געשווומען פון קאָסמישע ברעגעס,

פאַרוואַנדלט די מענטשן אין לויטער לעגענדע.
אַזוי האָט די וואָר אונטער דרערד מיך באַגעגנט,
ווען כ׳האָב מיט געקוילעטעטער שטאָט זיך געזעגנט.

אזוי האָט אונדזער דיכטער ביסלעכווייז... אין איטלעכן שאָטן דערשמעקט זיך אַליין — יענעם חלק... „וואָס האָט אים געפעלט, און מיט דעם כוח פון זיין וויזיע דעם חושך פאַרוואַנדלט אין ליכט, זיך אַליין אינגאַנצן רעהאַביליטירט — און יעדן געשטאַנק אפילו, מיט געוואַלד״... פאַרביטן אויף שטענדיק אויף ריח פון היישניט אין פרישן פרימאָרגן״, וואָס איז געוואָרן כאַראַקטעריסטיש און אויך סימבאָליש פאַר דעם קאַנאַל־לעבן אין דער געהיימשטאָט. —

סוצקעווער פירט אונדז איבער זיין אונטערערד־וואַגל און שטעלט פאַר אונדז פאָר „...אונדזער אייגן געבויטע מאַלינע... אין דעם ערדענעם אויסגראַב...״ און מיט אַ זיכערער האַנט מאָלט ער פאַר אונדז אוים די אַלע פאַרשווינען פון די קאַנאַלן — דאָס פאָלק זאַלבעצענט, אין וועמענס גאַנצן מהות, באַוועגלעכקייט און געמיט־צושטאַנד, עס גליט פאַר אונדז אויף די פולסטע טראַגיק פון אונד־און מיט דעם כוח פון זיין וויזיע דעם חושך פאַרוואַנדלט אין ליכט, ויהי, און עס איז געווען אין דעם יאָר.

תש״ג, חודש אלול, כ״ג. ניטאָ מער
אין ווילנע קיין יידן. די לעצטע טראַנספּאָרטן
אַוועק, ניט צו קומען, אין האַרבסטיקן יאָמער.

דאָס איז דער ס״ה פון אונדזער ירושלים דליטע. און פון איי־נעם פון די לעצטע טראַנספּאָרטן שפּרינגט אַרויס גדליה דער לערער, נידערט אַהער אַרונטער, און — „מיטן געשטאַנק זיך פאַרברי־דערט... „דערנאָך זוכט זיך אָפּ אַ נייער „... אַ פאַליע ביינאַנד מיט זיין מאַמען, דער פאַכטערקע אסתר.״ עס באַווייזט זיך אויך אַראָנע —
אַ פליט פון האַמבורג, וואָס רעדט ניט קיין יידיש —
און צערטלט אין וואַטע זיין גורל יחידיש.

דער מוטנער שטראָם ברענגט אויך ליפּמאַן דעם דאָקטאָר, דעם פרוש ר׳ נתן אין פאַרמעט געקליידט, און אסתר ברענגט אויך אַ מיידל דבורל, און דבורל געפינט אונטער אַ גראַטע אַ בלינדן. עס זוכט זיך אויך אָפּ אַ „טראַנעדיקע פרוי, וואָס פון קבר אנטרונען מיט

שניי־ווייסע האָר", מיטן נאָמען קריינע. און דער סאַמע לעצטער, דער צענטער — איז ער אַליין: אונדזער דיכטער אברהם סוצקעווער.
אַזוי האָט זיך פאַרגראָבן דאָס פאָלק זאַלבעצענט אין אַ וועלט וואָס איז פאַרקאַפּויערט. נאָר דאָס ליכט פון גלויבן און האָפענונג האָט זיך פונדעסטוועגן — צו להכעיס אַלע אומשטענדן! — „... באַוועגט פאַר די ליפּן ווי נישט קיין געזעענע רויז..." און, דער עיקרשט — אויך „געעפנט אַ מאָרגן אין מאָרגן..." און די עפענונג פון „אַ מאָרגן אין מאָרגן" ווערט דער ליכט־שנור ביי אונדזער פאָלק זאַלבעצענט אין דעם חושך פון דער געהיימשטאָט.

עס שטעלט זיך איין אַ ווירטשאַפט און פאַליע פאַרטיילט „מיט אייגזען און כבוד" אַ פונקציע פאַר יעדן בירגער פון אונדזער געהיימשטאָט. אַזוי באַקומט זיך אַ בילד פון דעם פאָלק זאַלבעצענט, לויט די פונקציעס פון יעדן איינעם.

גדליה דער לערער פאַרשרייבט די כראָניק „לזכר די קומענדיקע דורות"; ליפּמאַן, אַ דאָקטאָר — „וועט אונדז פון מחלות פאַרהיטן"; קריינע, „וואָס קלייבט זיך צו ווערן אַ מאַמע" — וועט האָדעווען דאָס קינד וואָס פאַליעס מאַמע האָט אהער געבראַכט. דערווייל וועט זי זיך צוגעווינען צו גיין אַרום אַ קינד „וועט שפּעטער זיין גרינגער..." און דעם בלינדן — אים ווערט צוגעטיילט דער כבוד פון „...זיין ביים אַריינגאַנג אַ וועכטער..." און

דעם פליט אָראָנע, געשולט אין פינאַנצן,
האָט פאַליע באַשטימט ער זאָל ווערן דער מייסטער
אין אויפקלייבן געלט, עס באַהאַלטן איגנאַנצן
ביי זיך, אין אַ גרויסן מלוכהשן טייסטער.

אַזוי ווערט אונדזער פאָלק זאַלבעצענט פון סוצקעווערן אַפילו אַביסל באַפּעפּערט מיט אַ טראָפּן איראָניע... אָן אויסנאַם ווערט דאָ געמאַכט מיט ר' נתן דעם פרוש. אים דערלויבט פאַליע, אַליין צו באַשטימען טאָן וואָס ער וויל. און אָן קווענקלעניש בעט זיך ר' נתן:

רבותי, דערלויבט מיך צו זיין אייער שוסטער,
איך וויל כאָטש מיט עפּעס באַהילפיק זיין, דינען.
און אויסגעהערט האָט מען די רייד ווי אַ מוסטער
פון מענטשלעכער טריישאַפט, וואָס נישט צו געפינען.

און דבורל „וועט וואשן קליידער". און דעם דיכטער אונדזערן אליין, ווערט צוגעטיילט דער כבוד צו מוטיקן דאָס פאָלק זאַלבעצענט:

און דו, חבר דיכטער, באַזון אונדזער טרויער מיט לידער...

א דאַנקבאַרע ארבעט וואָס ער האָט דורכגעפירט מיט דעם פולן באוווסטזיין פון אַן אחריותפולן, ציל־באַוווסטן דיכטער; ערנסט, נעוויסנהאַפט און עכט, מיט גרויס־דיכטערישן כוח און וויזיאָנע־רישקייט, עשירות פון שפּראַך־אינאָוואַציעס און גדאַם־חידוש.

אזוי וואַקסט אויס פאַר אונדזערע אויגן דאָס פאָלק זאַלבע־צענט מיט אַלע איינגנשאַפטן פון אַן אמת פאָלק, וואָס לעבט און קעמפט מיט מסירת נפש פאַר דעם לעבן פון דעם מאָרגן, ווייל —

אַזוי האָט ער, פאַליע, מיט שכל, באַקלערטקייט,
פאַרטיילט יעדער איינעם זיין חלק באַשערטקייט.
ווי צווייגן דורך נאַכטיקן רעגן באַקאַרשטוט,
מיט היימישקייט האָט זיך צעבליט די מאַליגע.

און —

דער היינט האָט ביים נעכטן דעם ווילן גע־ירשנט
עס איז דאָ אַריין אַ תנכיישע שכינה.

די שיינקייט, גרויסקייט און פּאָעטישע גבורה סוצקעווערס ליגט, אין דעם כוח פון קענען אריינצווינגען די ירושה פון נעכטן אין דעם פאַרבלוטיקטן היינט. און די תנכ׳ישע שכינה האָט באַזעלט דאָס פאָלק זאַלבעצענט מיט יענער כאַראַקטעריסטישער עקשנות אונדז־זערער, וואָס האָט נעצוואונגען די דרויסנדיקע וועלט צו ווערן „...דעם בלאָטיקן מענטש אונטערטעניק..." ביז די צייט איז נעקו־מען, ווי מיר וועלן שפּעטער זען — און דאָס פאָלק זאַלבעצענט האָט דעם חושך פאַרלאָזן, מיט געוואַגטקייט און שטורעם, און אויפסניי אָנגעהויבן דאָס ליכט פון דעם טאָג צו באַהערשן. —

דאָס קינד צאַנקט. עס נויטיקט זיך אין פריש בלוט, לויט ליפּמאַנס טעאָריע. אסתר אָבער איז רואיק. זי וויל בלויז האָבן א צינעלע „וועט ס׳קינד פון דער ציגענער מילך ווערן פעסטער". און —

דעם זעלבן פאַרטאָג איז די פרוי שוין געקראָכן
פון גראָטע אַרויס צו מאַטייקען דעם שכן.

און כאָטש זי באַמערקט און לייענט

איבער אַ גאַס — אַ פּלאַקאַט אין געשימער:

„די שטאָט איז בעפרייט פאַן דען יודען פיר אימער"

קומט זי פונדעסטוועגן אָן ווו זי וויל און באַדאַרף אָנקומען. זי באַמערקט אפילו „אַן עפּלבוים גלאַצט מיט אַן איינציקן עפּל" און אַז זי טוט „...גענעגנען צום עפּל, איז פאַלט ער אַליין איר אין האַנט ווי אַ קוש אַ צעשטראַלטער". אַזוי קומט זי אָן „צום שכן מאַטייקעס נעהויקערטער כאַטע" און דער גוטער מאַטייקע „ער גאַפּט אַ פאַרקלערטער", ווערט באַלד היימיש און אַפילו ביז גאָר פריינטלעך צו אסתרן. עס טויכט אויף די פריינטשאַפט פון אַמאָל, און —

דעך טיש ווערט באַוואַקסן מיט בלינעס אויף טעלער
און אסתר דערציילט וואָס די צייט האָט פאַרשוויגן.

און אַז מאַטייקע האָט —

געהערט אַז אויך פאַליע ער לעבט, — האָט דער פויער
צעשמייכלט זיך אַזש, ווי ער וואָלט מיט זיין שמייכל
געוואָלט פון דער כאַטע פאַרטרייבן דעם טרויער,
און תיכף באַטראַכט מיט אַ גראַדיקן שכל:
קומט ביידע אַהער. אויב דיין זון איז אַזאַ נאָר
ווי פריער, באַדאַרף איס דער וואַלד, פּאַרטיזאַנער...

אַזוי דרינגט דער וואַלד, די פּאַרטיזאַנקע — אריין אין דער געהיימשטאָט, דורך דעם געפליסטער פון דעם גוטן מאַטייקע — דער וואַלד באַדאַרף אים, פּאַרטיזאַנער... — און ער דערציילט איר מיט שטאָלץ פון זיין זון אַדאַמעק, וואָס „דרעמלט פאַרשיט מיט קאַרטאָפל" און אויך פון זיינע קאַמפן און שלאַכטן מיטן שונא. און אסתר — זי איז אָפנהאַרציק און באַטאַנט, אַז —

...אָן פאַליען איז שווער צו באַשליסן..."

און זי שעמט זיך נישט און מאָנט אַ ציגעלע פאַר

אַ קינד, עס איז קראַנק און צעפּייניקט פאַר הונגער".

און אסתר פירט טאַקע אויס וואָס זי וויל:

פאַרנאַכט האָט אַ פרוי אין געבלומטער פאַטשיילע
נעטריבן אַ ציג מיט אַ פּוילנקער הייטער.

דאָס איז די ערשטע, דירעקטע — פאַרבינדונג פון דער „געהיימשטאָט" מיט דער דרויסנדיקער וועלט. —

דער געזונטער מענטש, פאליע — וואס האט זיך פריוויליק פארגראבן אין דער געהיימשטאט, איז אומרואיק, זיין געוויסן פלאגט אים און די אומרו זיינע — זי יאגט אים צו ווייטערדיקע קאנקרעטע מעשים. ער פרעגט זיך אליין:

צי מעג ער זיך דא פארקאנאלעווען ווייטער?

ער דערמאנט זיך אן די קאמפן אין דער געטא, אן אייגענעם טאטן, וואס איז „געפאלן דעם זון אויפן ארעם" מיט א שמע ישראל אויף די ליפן —

נאר ווייטער פון ישמעי האט זיין בליק זיך געריסן,
געבליבן א טשוואק ביי דעם זון אין געוויסן.

און אט דער „טשוואק" ברענט, וועקט, רופט און מאנט — ער לאזט ממש נישט רוען. און צוליב דער מאמען וואס ער האט נישט געוואלט איבערלאזן אין געטא וואס „איז פול מיט מערדיירים" זע־נען ביידע צוזאמען אהער אנטרונען „אין מלכות פון מייז און בריליאנטענער בלאטע".

און זיין געוויסן מאנט ביי אים און פרעגט:

צי האט ער פארשוועכט פון א קעמפער די ווערדע,
באדארף ער זיך שלאגן אין ברוסט אויף חרטה?

און צו זיינע „ברידער אין דער פינצטערניש" זאגט ער אזוי:

איך קען מער נישט ווארטן אויף גוטע באפרייער,
כ'וויל קעמפן אין וועלדער — — — .

אים עקלט יעדער באוועג פון זיין ארעם, אים דוכט זיך — אז

עס קנייפן מייך פינגער געוואקסן אויס קברים:
— קויף־אויס אונדזער אומקום, דערפיל אונדזער האפן!
איז ווי קען איך אנדערש אן ענטפער זיי געבן?
ניט מיר — עס געהערט צו די טויטע מיין לעבן.

אזוי באלויכט דעם געוויסן — דער צעפייניקטער געוויסן פון א צום טויט פארפייניקט פאלק! — פון א פאלי, זאלבעצענט, אברהם פוצקעווער — אין דעם חושך פון זיין געהיימשטאט, וואס רייסט שטיקער פון זיך אליין מיט דער טאפעלער מאנונג: אויסקויפן אונד־זער אומקום — דערפילן אונדזער האפן!

און אז דער פרוש ר' נתן „געהילט אין יריעות אנשטאט אין

געוועוענדער" פשטלט אוים און פרעגט: „... דאָס הרגען איז חשובער איידער צו העלפן א יידן?" און ער באַפעלט פּאַליען צו מאַכן זיך קלערער, אים דערמאָנענדיק דערביי, אז —

מיר זענען דעם אשמדאַי איבערגעענטפערט.

און נאָך דעם ווי ער דערמאָנט, אז ס'איז „פּאַראַנען דאָ א טראַגעדיקע פרוי און א בלינדער" און, ער וואַרנט — אז „די פרוי דאַרף בקרוב געבוירן..." און אז עס טליעט נאָך בכלל א פּאַלק זאַלבעצענט מיט זיין אמת, באַוווּנדערט ער פונדעסטוועגן פּאַליעס רייסן זיך צום קאַמף, נאָך נקמה. און כאָטש ער וויל נישט „בינדן מיט שטריק זיינע פליגל", די פליגל פון פּאַליעס געדאַנק וואָס איז אנדערש פון זיינעם — תהינה'ט ער פונדעסטוועגן אוים זיין געפיל צו אים אין א בענטשונג:

געבענטש זאָלסטו זיין מיט דער ביקס איינס וואַנדער —

און ערשט נאָך דעם ווי דער פרוש האָט באַגאָסן די נעגל, איז ער „מיט כוונה אוועק צו א גראָטע דורך א זייטיקן שטעגל כדי דאָרט מחדש צו זיין די לבנה".

אזוי איינקאָרפּערירט און פאַרשותפט דאָ אונדזער דיכטער דעם עקשנותדיקן אַקט פון עבודת הבורא, דורך דער תמימות פון דעם פרוש — א גלייכבאַרעכטיקטער בירגער אין דער מלוכה פון דער געהיימשטאָט — אין דעם אָנגעזיכט פון דער הערּאָאיק פון סוצקעווערס פּאַלק זאַלבעצענט.

עס מישט זיך דאָ אויך אַריין די עראָטיק, וואָס איז אפילו דאָ, אין דער קאַנאַל־וועלט, קאָנטיק אומפאַרמיידלעך — אויף אַן הינטערגרונט פון אומגעריכטער שיינקייט, אין קעגנזאַץ צו דער הייליקייט פון קידוש לבנה, וואָס ווערט פון סוצקעווערן דערהויבן צו דעם סימבאָל און אַקט פון אניווערסאַלער קדושה. פון איין זייט האָפקען יידן: אוי, שלום עליכם! און פון דער צווייטער זייט —

אַ מורמל־געשוויג ווי אַ שניידיקער פאָדים
און רייסט זיך פונאַנדער בײַ ערשטער באַרירונג.
ס'איז דבורל. זי שטיקט איר זודיקע פחדים.
אין טונקלעניש גלימצערט איר צאָרן ווי צירונג.

און —

אין טראָפּן פּאַראַייביקט איז שוין די לעגענדע.
פאַרשפּיגלט. פאַרזיגלט דעם לעבנס געראַנגל.

סוצקעווער שפּילט דאָ אויף די ראָמאַנטיק פון ער־און־זי, אויף אַ צערטליכן און דין־דינעם אופן. די בילדער בייטן זיך ווי אין אַ קינאָ און —

עס ענטפערט די שטומקייט מיט זילבערנע דינגען,
מיט מויזן־געפּליעסק און געפּייפלטן שפּרינגען.

די אומפאַרמיידלעכע ראָמאַנטיק פון דער געהיימשטאָט ביי אַ פאָלק זאַלבעצענט, אויף אַ הינטערגרונט פון אייגנאַרטיקער דיכטערישער שיינקייט:

...און העט ביי דער גראָטע מיהאָלט נאָך אין טאַנצן
ביי פרישן לבנה־וועבס פול מיט הנאה.
ביז וואָנען דער מולד צעפּאָלט זיך אינגאַנצן
אין ליכט־זיילן אָקערשט געבוירענע, בלאָע.
און זילבערנע כרובימלעך פלאַטערן, טויכן
אין וואַסער, דערטרינקען זיך, שימערן ווידער.
זיי שמעלצן פונאַנדער מיט וואַרעמע הויכן
די פינצטערניש, טוען באַלייכטן די גלידער.

דאָס פונאַנדער שמעלצן „מיט וואַרעמע הויכן דאָס פינצטערניש" איז דאָ נישט קיין צופאַל, זיכער נישט קיין קאַפּריז פון אַ דיכטערישן איינפאַל — נאָר, דורכאויס, סימבאָליש פאַר דער גאַנצער אין צער־געליטערטער געהיימשטאָט, וואָס שטרעבט דורכאויס, מבטל צו זיין דעם חושך און ברענגען ליכט פאַר דער נאָרער וועלט, אין ערשטער ריי — דער יידישער. —

אויפן זאַרעטשער בית־עלמין אין אַ רעגן, רייסט אסתר „מיט די נעגל די בייניקע ערד". דאָס איז זי אַהער געקומען מקבר זיין „דאָס קינדל".

זי ברענגט עס מיט ליבשאַפט אין קבר: שלאָף רואיק!
(אַזוי ווי אַ קינד סיערשטע מאָל אין חדר).

ווי געפעלט אייך די פּאַטעטיק און נשמה־ציטער פון אַט דעם פאַרגלייך?

אַ בליץ ווייזט אַ יידישן אות וו־ניט־וואיק,
ער איז דעם בית עלמינס אַנטפּלעקער, באַשיידער. —
פונוואַנען קומט דבורל?
...וויס דען דער פייטן פון וואַסערע וועלטן
עס צויבערט צו אים אין געהיימשטאָט זיין דיכטונג?
דער ענטפער איז:
זי קומט אומגעריכט ווי די פרייד, ווי די אומפרייד.
אַזוי אויך דבורל. און
אָן דבורלען — גייט עפּעס פאַרלוירן אָן עיקר,
עס ווייזט די באַשאַפונג צעריסן אויף שטיקער.

איז געקומען די דיכטונג פון אברהם סוצקעווער און דורך זיין באַפליישן־און־באַבלוטן דבורלס געשטאַלט אין אונדזער דיכ־טונג אויף אייביק, האָט ער די באַשאַפונג אָפּגעהאַלטן פון ווייגען און ווערן „צעריסן אויף שטיקער"; איר אַ שטויס געטאָן צו אַ נייעם בראשית מיט דעם כוח פון זיין אינטואיציע, און אדרבה, זעט וואָס עס באַקומט זיך:

איר פּנים ווי דורכזעאיק־ראָזלעכער פאַרפאָר
אַנטקעגן אַ פלעמל. סיבאַוואָכן זי שטאָלצע
פאַרהויבענע צעפ. און די אויגן — אַלץ שאַרפער
ווי אָן דער לבנה-שיין שלייפן זיי וואָלט זי.
און שטראַלן געבויגן אין אָוונטיק וואַסער
דערמאָנען דיר גלייך אירע הענט, ווען זיי גיבן
מיט צאַרטער באַוועגונג אַ לייכטן פאַרימסר,
אַז איבער דעם אומקום עס קיניגט דאָס ליבן.
די הענט פלעגן קאָרמען קלאַווישן מיט קלאַנגען,
דער עכאָ פון זיי איז נאָך אַלץ נישט פאַרגאַנגען.

אַזוי באַלעבט דאָ סוצקעווער דעם עכאָ פון די קלאַנגען וואָס דבורל פלעגט אַרויסכישופן פון אירע הענט. און דאָס ליבן, קיניגט דאָ באמת מיט אַלע חנען פון סוצקעווערס געהיימשטאָט, וואָס צוי־בערט מיט דעם רייץ און חן, אימפּולסיוון און דערציילערישן כאַ־ראַקטער פון זיין דיכטונג.

געבראַכט אין קאַנאַל האָט איר אסתר, און —

סיהאָט אסתר באַמערקט די פאַרהוילענע יעגער
און דבורלען געוואָמען צו זיך אויף געלעגער.

און אפילו „גדליה, וואָס פירט דאָ א פּינקס — ער לייגט א צעבראָכ־
מער אין פּינצטערניש" און עס טרעפט אָפּט —
אַז אונטער איר נאָרע אַוועק איז ער שלאָפן.

און דאָ, ביים פאַלק זאַלבעצענט אין די קאַנאַלן — באַשאַפט זיך „די סימפאָניע פון מייז", וואָס ווערט פאַר אונדז אויפגעשפּילט און מייסטעריש דורכגעפירט פון אברהם סוצקעווער, מיט דעם זעל־טענעם כוח פון זיין ריטמיש־שפּראַכלעכער עמפינדלעכקייט און דערפינדערישקייט, חידוש פון גראַם. דער שטורעם־קאַנאַל מיט זיינע פינצטערע פייכטע געוועבסן באַקומט לשון און לעבט־אויף דורך דעם כישוף פון דיכטונג, וואָס „קומט אומגעריכט ווי די פרייד, ווי די אומפרייד" — און באַסימנט יעדן אויפרוי פון דער בלאָטע, זומפּ, „שטראָם פון א וואַנע מיט ריח פון זייפן", דעם באַריר פון שטיקלעך גלאָז, דאָס פלוישעכץ פון בלעכלעך און טשוועקעס אין וואַסער גע־הירן, מיט די פאַרשידנאַרטיקסטע טענער פון מוזיק, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם אויסגעדיכטעטן געמיט פון סוצקעווערס דבורל. און ביים לייענען עס, פילט איר ממש דעם רעזאָנאַנס פון „פאַרבאָר־גענע טענער, געשליפן און איידל", וואָס „האָבן די רער אין א גאָרטן פאַרוואַנדלט", כאָטש —

אַנשטאָט סאָלאָווייען — גאָר מייז אין די טשאַטעס
צעשטורעמטע יאָגן פון זייטיקע לעכער
און שפּרינגען זיך ווילדעריש אונטער די גראַטעס.

און דבורל, וואָס פילט ניט די שטראָמען — ווייל א ווערק פון די טענער באַשאַפן. און עס באַקומט זיך דערפון טאַקע א ווערק, אַן אמת קונסט־ווערק — פון אברהם סוצקעווער, ווייל די זעלטן פיינע פאַנטאַסטיק וואָס סוצקעווער אייגנט צו צו דבורלען אויף אַן הינ־טערגרונט פון קאָלירפולער בילדלעכקייט, געהערן צו די גרונט־שטריכן פון סוצקעווערס דיכטערישן פאַרנעם און דערגרייכונג אין אָט דעם בוך, און „די מויזן־סימפאָניע", — איינע פון די שענסטע פערל אין דער קרוין פון זיין דיכטונג. —

עס קומט פאָר אַן אַליאַרם! דאָס וואַסער פאַרשווענקט דעם חלל

פון דער געהיימשטאָט. אַלע לאָזן זיך „אין שטראָמיקן קיניגרייך בלאַנקען און זוכן אַ מיקלט אַ צווייטן". עס טויכן דאָ אויף בילדער פון רעטונג: פאַליע טראָגט דעם בלינדן, אסתר — די ציג. און ליפּמאַן — די טראַגיקע פרוי. נאָר איין ר' נתן טראָגט —

דעם אָפּשיין פון ספירות אין זעאונג פאַרשלאָסן —

דער צושטייער פון דער געהיימשטאָט צום אויפהאַלט, אונטער די גרויליקסטע אומשטענדן — פון אונדזער נאַציאָנאַל־רעליגיעזן לבוש פון אונדזער צער'פולן לעבן. דערווייל ווערט דבורל פאַרפאַלן און ר' נתן נעמט גרימען:

פאַרלוירן די תורה אינמיטן דעם שווימען.

נאָר פּלוצים:

דערזען האָט דער פּרוש ביים טייך אַ דערפרייטער
זיין תורה, פאַרכאַפּט אין שטאַכעטן, צעריסן,
מיט אותיות צעגריזשעט פון מייז. און דער צווייטער
מיט בליציקער בייטש פון דער ליבשאַפט געשמיסן —
האָט דבורלען דערשמעקט ערגעץ העט אויף אַנטאָקאָל
מיט קאַלטע פאַרגליווערטע אָרעמס ווי שטיינער.

אזוי ווערן דאָ פאַרצווייליגנט די בליציקע „בייטש פון ליבשאַפט" צו דער פרוי — דעם מענטשן, מיט דער דערפרייענדיקער ליבשאַפט פון פרוש — צו דער תורה. האָט טאַקע ליפּמאַן „געבראַכט צום באַוווסטזיין" אונדזער דבורלען, און דער פרוש — ער האָט געראַטעוועט אונדזער תורה. —

אין דער פונק-נייער דירה וואָס דאָס פאָלק זאַלבעצענט האָט פאַר זיך אויפגעבויט „אין אַ מאָדנער געשווינדקייט", דערציילט דער בלינדער פון יענער צייט, בשעת דער האַקנקרייץ האָט געפלאַמערט ווי „דער הערב פון מעת לעתן" און „די שוואַרצע דערגרייכער" האָבן געהוליעט אין אַ פּאַלאַץ ווו נאַפּאָלעאָן איז געזעסן „לזכר פון ווילנע און יידן". — „ווי ער (אליין) איז געשלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט". עס פלאַקערן דאָ אויף גרויליקע בילדער פון אַ שחיטה אין געטאָ, ביז צו דעם העכסטן פּונקט פון פאַרצווייפלונג, ווען ס'ווערט „שוין בעסער אליין זיך פאַרסמען". האָט ער דעם ציאַן קאַלי וואָס ער האָט אין אַ קנאָפּ געטראָגן אינזינען געהאַט צו

פארטיילן אין חלקים פאַר אַלע. פּלוצים אָבער, נאָך דעם ווי אַלע זיינע ליבע האָבן זיך פארסמט — איז זיין טייל ציאַן־קאַלי „ניט־געוואָרן, און אַליין איז ער פארבליבן מיט איינענעם שאַרבן" ווי „דעם טויטס א פארטראַכטונג". און דאָ ווידער, „איידער עס האָט נאָך דער בלינדער געענדיקט" — בליצט־אויף א פלאַם „...ווי די זון וואָלט געפאַלן". עס באַפאַלט אַלעמען א שרעק.

נאָר פאַליע צעלאַכט זיך. דאָס האָט ער פון אויבן
געצויגן עלעקטרישן שטראָם פאַר דער שווינונג.

און דאָס וואָס איז ערשט געווען „דעם טויטס א פארטראַכטונג", ווערט — אין אַנגעזיכט פון דעם „עלעקטרישן שטראָם" מגולגל אין א סימבאָל פאַר דעם פאָלק זאַלבעצענט, וואָס רייסט זיך מיט צאָן־און נעגל צו ליכט, נקמה און באַפרייאונג. —

עס רוקט זיך אונטער די נאַכט פאַר יום כיפור און „פונדאַנען, פון ירושלים של מטה" גליטשט זיך אַרויס ר' נתן „...איינער אַליין, אין נעקריך און געהיפער..." און שלעפּט זיך

אַוועק אויפן שולהויף צו זאָגן סליחות
ווי פאַר דער מלחמה. דערזען האָט ער דעמאָלט
צעגראָבט און צעבערגלט זיין געטלעכן יחוס, —
א חלום פאַרוואַנדלט אין ליים, וו עס פלעמלט
דער נאַכטיקער טוי, און דער ביייניקער זקן —
געזאַלבט האָט אין דעם זיינע אַשיקע לאָקן.

אזוי חרובט־אויף פאַר אונדזערע אויגן דער טרויעריקער ס"ה פון אונדזער ירושלים דליטע, אין א „חלום פאַרוואַנדלט אין ליים" — און מיט ווייטיק פרעגט אונדזער דיכטער:

וו זענען די יידן, די דאַוונער, די לערנער,
דער ניגון אַרום די געביייען פאַרפלאָכטן?
ער טאַפּט זיך אַליין מיט די פינגער פון דערנער,
צי מיהאָט אים צוזאַמען מיט זיי נישט געשאָכטן.

און דאָ־ערשט קינהט־אויף זיין צער אויף דעם גורל פון אונדזער פארשניטענער אומה:

וו זענען די יידן, — אָ, פאָטער אין הימל?
אָ נס, ווייז א נס אינם טאָג פון משפטים,

עס זאָלן דיר כאַטשבי די טויטע געטרויען
און שוועביקערהייט, מיט צעשייטערטן אָטעם,
ער פליגלט אַריין אין דער קלויז פונם גאון,
אָבער וואָס טרעפט ער דאָרט?
בלויז וועגט. אויך דער באַלקן צעפליקט און צעבויגן.

און דעם דיכטער דוכט, אַז די שטערן „זענען קיין שטערן נישט, נאָר — יידן!" און די אַמאָל לעבעדיקע ווילנע ווערט דאָ באַלעבט מיט דעם כוח פון סוצקעווערס אויפגעאַקערטער לעקסיק, אַ בויגעוודיקע און אַ ריטמישע, וואָס פאַרכאַפּט ממש מיט דער מאַגיק פון אַ שלל אומגעריכטע גראַמען און פּלאַסטיקע וויזיעס איבער אונדזער גרויסן חורבן:

די שטערן דאָס זענען פון שולהויף די יידן,
זיי טוען ווי פריער, אָן מינדסטן געענדער:
מע בלעטערט די ש״ס־ן, מע האַנדלט, מע אַרבעט,
דער רבי זאָגט תהילים, דעם אייביקן האַר בעט.

אַזוי ווערן די שטערן פאַרוואַנדלט אין יידן — אילוזאָרישע — וואָס לעבן נאָך און געדייען, אין זכרון — ווי אין די קלאַמ־פערשט „גוטע צייטן" פון פאַר דעם איצטיקן בלוט־מבול. און אַז דער שטן, ווי אים דוכט זיך — וויל אים ברענגען צו אַ נסיון, לאָזט ער פון זיך די זעאונג זיינע נישט רויבן, און ווי בליי צעשמעלצט ער זיין שליטה „מיטן פלאַם פון גלויבן".

און מעגסטו מיט פעלדזן פאַרשטעלן די עדה —
זי לעבט, ווי מיר לעבן דערווילע נאָך ביידע.
די טרויעריקע וואָר זאָגט אים אַלצאיינס אָבער אונטער;
נאָר אונטן — די קלויזן, די שטיבלעך זיי ליגן
ווי קלאַנגען צעהאַקטע פון יענעם־אַ ניגון.

און די קלאַנגען פון „יענעם־אַ ניגון" צינדן אָן די געבליטן און לאָזן נישט רוען.

און כאָטש פון די הונדערט שולן איז נאָר איינע פאַרבליבן, און פון דער איינער אפילו איז גאַנץ בלויז —
אַ מירמלנע זייל אין דער פּוסטקייט פאַרגלידערט —
טרייסט ער זיך דערמיט, וואָס

די האַנט פון באַשעפער האַלט אונטער דעם תמצית
און ער

פאַרוואָרפט אַרום זייל זיינע אָרעמס ווי רייפן
און האָרכט צו דעם גרילן־געזעג פון די שלייפן,

אזוי גיסט ער אויס זיין הארץ אין א תפילה ארום דער איינ־
ציק פארבליבענער זייל.

און ענדיקט ער — טונקלט אַריין דורך די שפּאַלטן
אַ ליכט פון אַנטלאָפענעם דור. איז דערזעט ער
צעוואַלגערטע ספרים, — און טויט זיי באַהאַלטן
אין טאָרבע, זיי וועלן אים נוצן אויף שפּעטער.

און דאָס „ליכט פון אנטלאָפענעם דור" לאָזט נישט אָפּ, רעגט
און רופט, וועקט און מאָנט. און אין דעם צויבער פון די פארצערטע
בילדער דערהערט ער פּלוצים א שאָרך, ווי דאָס סימבאָלישע „ליכט
פון אנטלאָפענעם דור" וואָלט אָנגענומען א קאָנקרעטע פאָרם. און
— אומגעריכט דערהערט ער טאַקע אויף דער וואָר, ווארעם־היימישע
ווערטער:

— גוט־מאָרגן ר' ייד, א גוט מאָרגן אייך שכן!
און פאָליע באַווייזט זיך און דערציילט, אַז זוכנדיק א תיקון דורך
די נאכטיקע שעהן, האָט ער געפונען

אַ באָמבע, וואָס האָט נישט באַוויזן צו פּלאַצן.
איך דאַרף זי ווי לעבן אין אונדזערע ווענט פיר,
אין אונדזערע וואַסער־געבויטע פּאַלאַצן.
און ווען מ'האָט צוריק אין געהיימשטאָט גענידערט —
האָט ספר מיט באָמבע געהיים זיך פאַרברידערט.

אזוי האָט אונדזער געהיימשטאָט אויפסניי זיך באַזיגט און גע־
קראָגן אַן אמתן תיקון, אין דער פאַרברידערונג פון יידישן ספר
מיט דער ניט־יידישער באָמבע. —

דאָס פאָלק זאָלבעצענט האָט א געטרייען און איבערגעגעבענעם
פריינט אין מאַטייקען, וואָס

חוץ עסנוואַרג ברענגט אונדז מאַטייקע אויך גלויבן,
אַז מירן דערהערן גאָר אַנדערע לידער.

נאָך יעדער זײַן קומען דערפֿילט מען זיך פֿרײַער:
דער שונא אין וואַסער, דער שונא אין פֿײַער.

און אונדזער געהײמשטאָט רײַסט זיך און בענקט מיט אַלע פֿי־בערן פֿון איר נשמה נאָך „די אַנדערע לידער". דערווײַל איז עפּעס געשען. דער גוטער מאַטײקע באַווײַזט זיך ניט, שוין היבשע עטלעכע וואָכן. דער הונגער ווידער „פֿאַרשטומט נישט".

מע קליגלט זיך לאַנג. נאָר עס קען די אסיפֿה
ניט לעשן דעם הונגער מיט מײַנונגען טיפֿע.

און דער פּרוש און אסתּר זענען דערבײַ נאָך אַלץ „פֿאַר־עקשנטע, עסן נאָך אַלץ נישט קײן טרפֿות". געשעט אַ נס: אַראָנע, דער שפּײַז־מיניסטער פֿון דער געהײמשטאָט — געפֿינט אַ ציבעלע אַ צענעצטע. טײלט ער יעדן אײן אַ חלק. נאָר זיך אַלײן — לאָזט ער גאָרנישט נישט איבער. קיבעצט אים ליפּמאַן: „— ווילסט נישט אַנדערש נאָר בײַליק?" איז דער ענטפֿער אַ פּשוטער: ציבעלע־ריח, טענהט ער — קאָן חלילה פֿאַרראַטן, „ווען אויסקומען וועט צו אַנט־לויפֿן ווי קראָטן. ס'איז נישט אַזוי נאַריש: דער ציבעלע־ריח איז עפּעס נישט אַריש?"

אַזוי איראָניזירט די געהײמשטאָט איבער דעם גורל אירן, בײַם אָנגעזיכט פֿון אומקום.

און אַז מע טראַכט — דערטראַכט מען זיך צו עפּעס.

עס פֿאַלט ליפּמאַנען אײַן אויפֿצואַמלען „דאָס וואַרעמע בלוט פֿון דער שטאָטישער בוינע" און עס ווערט דערפֿון אויך אַ מאכל פֿאַר אונדזער פֿאָלק זאַלצעבענט. און דער פּינקס־שרײַבער גדליה דערשלאָגט זיך צום געניאַלן געדאַנק, אַז ווען מײַז שווימען אַנט־קעגן אַ כוואַליע און פֿאַנגען דאָס פֿרעסעכץ, פֿאַרלירן זײ אָפֿטמאָל אַ ברעקל, און —

די שפּײַז פֿלעגט מען שלינגען באַשלאָגן מיט שווײַסן.
דער „מויזן־וועג" האָט די אכילה געהײסן.

דאָס איז געווען די „אכילה" פֿון אַ פֿאָלק זאַלבעצענט אין דעם לעבעדיקן קבר פֿון סוצקעווערס און אונדזער אַלעמענס געהײמשטאָט.
גדליה, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן — האָט אין די שחיטות

נישט פאַרלוירן קיין מאַמען, קיין שוועסטער, קיין קינד. האָבן די אַלע שכנים אויף אים געקוקט מאָדנע:

מע האָט ניט פאַרגונען, געקרימט זיך אין צאָרן
וואָס ער האָט קיין איינציקן פריינט ניט פאַרלאָרן.
נאָר זינט מ׳איז דערגאַנגען: ער איז דער בעל־כראָניק,
און איטלעכנס טראָט ווערט דורך גדליהן געוויגן —
האָט עולם זיין גאַל שוין פאַרביטן אויף האָניק,
פון דעמאָלט — צום לערער זיך אַנדערש באַצויגן.

אַ מענטשלעכע שוואַכקייט!

אַזוי באַלעבט פאַר אונדז סוצקעווער די סאַמע מענשליכסטע שוואַכקייטן ביי אונדזער פאָלק, זאַלבעצענט אויף דעם סאַמע שוועל פון אונטערגאַנג. און דאָ פאַלט איין גדליהן, ביים סאַמע אָנגעזיכט פון הונגער — „דאָס ציגעלע קוילען״. און אַז אַלע כמעט פראָטעסטירן, פאַרטיידיקט אים בלויז איינער — דער לערער.

געשוואָלענע געטער, ווו איז אייער שכל?

גדליה האַלט זיך אָבער ביי זיינעם:

גוט יום־טוב אייך מתים, לשנה הבאה
בירושלים של מעלה אין פרידן!
אַזוי באַגריסט צו כל נדרי, אָט דאָ־אָ־
דער לערער די נייאָנגעקומענע יידן.

און אויף אַ וויזיאָנערישן אופן לעבט דאָ בדרך אגב אויף סוצקעווער „דעם יום־טוב־געררוך פון אַמאָליקע טישן״ און —

אין מיטן דער תפילה, ווען סיטובליט זיך פייער
אין שטעכיקע טרערן ווי גלאָזיקער שפליטער —
געשען איז דאָס אומגליק, אַ מאָרד אומגעהייער
אַ רויטע געשטאַלט אין צעבליטן געוויטער
אַ שפרונג האָט געטאָן מיט אַ ימעי אומגעריכטן
צעווישן די בלייכע פאַרקיטלטע דאַווגער.

די אַלטע און יונגע מאַראַנען האָבן די וואָר נישט פאַרשטאַנען, און דער פרוש האָט אַפילו „געמיינט ס׳איז דער גואל...״ גדליה אָבער פיבערט מיט ליבשאַפט צו דבורלען:

— פאַר דיינטוועגן האָב איך געקוילעט, ווייל תמיד

מיך פייניקט דיין בלייכקייט, דיין שיינקייט. זיי מוחל,
געוועלט דיר פּאַרלינדערן, שטילן דעם הונגער.
פאַרגיב מיין רציחה, דעם פּיינלעכן שטרויכל.
און האָט זיך צעוויינט ווי אַ בחור אַ יונגער.

דער ראָמאַנטישער אויפשפּיל פון אַ צעוויטיקטן יידישן מענ־טשן, קריגט דאָ אַ תיקון אין דער פון סוצקעווערן באַשאַפענער מאָ־זאַיק פון אַ טיף־רעליגיעזער אַטמאָספערע ביי אונדזער פאָלק זאַל־בעצענט צו כל נדרי. —

דער ווילן צו לעבן און דער געפיל פון נקמה איז נישט נאָר פאַרכאַפּנדיק ביי אונדזער פאָלק זאַלבעצענט, נאָר אפילו דערפינ־דעריש, געניאַל — אויב איר ווילט — און דורכויס נסימדיק. פאַר־נעמט זיך דאָ טאַקע פאַליע „מיט שאַפן אַ גולם".

נאָר ניט פון קיין ליים, — פון געפונענער באָמבע —
אונטער די סאַמע מיסטעריעזסטע אומשטענדן פון קאַנאַל־לעבן,
כמעט מיט גאָרנישט — מיט די אייגענע צען פינגער. ווייל —
ניטאָ קיין געצייג. מיט אַ פּשוטן שטיינדל
צעזעגט ער אויף צווייען אַ שטעקעלע אייזן — ...

און בשעת מעשה, באַשווערט דער יונגער און געוואַגטער מכשף דעם געבונדענעם חומר:

— דו פילעוודיק אייזן, געבונדענער חומר,
דעם גאַנג פון מיין ווילן איצט מוזטו פאַרנעמען.
דו פולווער מיט פליגל, פאַרטרוי זיך דיין שומר,
ווייל ווענטן דען אַנדערש פאַרטרויען זיך, וועמען?
געבונדענע קראַפט, זיך אַליין אומבאַוווסטע,
דערהער אין דיין שטויבן־געוועב מיין באַשווערונג.
איך בלאָז אין דיר אָטעם און אויפלעבן מוזטו,
זאָלסט אין זיך דערפילן די גלוסט פון צעשטערונג.

אַזוי ווערט „די גלוסט פון צעשטערונג" די דערהויבנדיקסטע תפילה פון אונדזער פאָלק זאַלבעצענט, וועמענס האָפענונג מוז זיך אַנטפּלעקן אין דעם פלאַם פון זיין יצירה. און דער לעצטער פאַרזאַג זיינער איז:

...מיטן כוח פון שנאה
ווער לעבעדיק, לעבעדיק, הייליקע מינע!

און מיט דעם כוח פון זיין אינטואיטיווער זעאונג הערט ער ממש דעם מעטאַלענעם ענטפער וואָס וואַרעמט זיך אויף אין זיין בלום:

— בין גרייט! און ער זוכט אינם חלל די טראָפּן,
די ווערטער פון גולם וואָס ער האָט באַשאַפן.

אזוי איז מקוים געוואָרן די תפילה פון דעם „גלוסט פון צע־שטערונג" וואָס האָט זיך פארקערפערט אין דעם חומר פון א „הייליקע מינע!". —

גדליה איז פארשוונדן, א חודש נאָך „יענעם כל נדרי". זיין גע־לעכטער וואָס הענגט אָבער אין דער לופטן, דערגייט פון קאַנאַל און לאָזט נישט רוען. באַשליסט מען צוזאַמען אים כאַפּן און ברענגען. און אַז מ'זוכט — געפינט מען.

איז אונטערן הייליקן אָרט אַסטראַמבראַמאַ,
אַנטקעגן גאַטסמוטער, דער לערער געהאָנגען
אַ נאַקעטער, ווי ס'האָט געהאַט אים זיין מאַמע.

אזוי איז צו דעם רומל צוגעקומען א שטומע לוויה, וואָס איז אנב זייער רירנדיק מיט איר טויזנטפאַכן צער און סימבאָלישער קרוי־נונג מיט אָביסל „ישראל־זאַמד" וואָס א ייד האָט „פון א נאָט אין פאַזוכע ארויסגעשלעפּט און גדליהן באַשיט, ער זאָל האָבן מנוחה." און איינער פון דעם פאָלק זאַלבעצענט האָט אַפילו פארפלאַנצט א ברעטל אויף זיין קבר, ווי אַן אייביקע דערמאַנונג אַן גדליה זאַל־קינד, וואָס איז

געשטאָרבן אין יאָר... ווען געווען איז דאָס לעבן
אַן אָפּקום, דער טויט — אַ גענאָד פונם הימל.

דער יחוסדיקער גענאָד פון אונדזער פארפייניקט פאָלק.

צוריק פון דער לוויה, האָט דער עולם „דערשפּירט עפּעס גאַז". אונדזער פאָלק זאַלבעצענט איז שוין אָבער צוגעוווינט צו עפּעס ערגערס דערפון. דערטאַפּט טאָקע באַלד פאָליע א געפּלאַצטע גאַז־רער, און מיט א טוך א נאַסער אויפן מויל „פאַרליאַפּעט ער די שרעקלעכע שפּאַלטן". און כאָטש ער האָט זיך „קוים־קוים שוין

געהאַלטן" און ליפּמאַן מינטערט אים מיט וואַסער, בליצט ער אויף דורך ציינערשע קריצן מיט הבטחה:

דער גאַז וועט נאָך אפשר אַמאָל אונדז באַשיצן.

אַ נבואהשע האָפענונג וואָס איז שפּעטער טאַקע מקוים געוואָרן. דער גיפטיקער אָטעם שאַנעוועט אָבער דערווייל נישט קיי־נעם. ער

פאַרזויערט דאָס קוואַליקע וואַסער בשתיקה

און

פאַמעלעך, פאַמעלעך אין דבורלען געדרונגען. —

נאָך דעם ווי גדליה איז געשטאָרבן, איז די געהיימשטאָט נאָך אַליין פאַרבליבן מיט אַ גאַנץ פאָלק זאַלבעצענט. ביי דער לוויה איז צוגעקומען קאָפּל דער שמידער, וואָס האָט זיך געיאָוועט פון די נאַ־ראַטשער וועלדער. און כאָטש

עס האָבן אים אַנדערש באַגעגנט די טייכן,

פאַרפרעמדט האָט געשאָרשעט די נאָנטע בעריאָזע,

צום פויערל מינדסטן ער קען זיך נישט גלייכן.

די ווערבע האָט עפּעס געביטן איר פּאָזע.

האָט ער זיך פונעסטוועגן יאָ צוגעהערט צום פּאַליאַק וואָס האָט אים דערציילט אויפן אויער, אַז טויזנטער אייערע „זשיאַן וו׳קאַנאַלאַך", האָט ער געוואָגלט אין חושך —

ביז וואַנען געפונען די יידן־מלוכה,

און, משטיינס געזאָגט, אויכעט די יידן־מנוחה.

אַזוי האָט דאָס פאָלק זאַלבעצענט אויפגעהאַלטן זיין אידענ־טיטעט, פון האָבן געוועז־און־פאַרבליבן אַ פאָלק זאַלבעצענט, נאָך דעם ווי גדליה איז געשטאָרבן. —

דער הונגער לאָזט דערווייל נישט אָפּ. פרעגלט מען אויס די ציגענע פעל. דער דאָקטאָר אַליין איז זיך דערביי מתעסק — און מ׳גרייט צו אַ וואַרעמעס... וועמענס אָפּטעם איז

אַ זיבן מעת לעת פון דער צונג ניט פאַרשוווּנדן.

דערווייל פאַרלויפט זיך אַזאַ מעשה: ביים לייגן זיך שלאָפן איז פון אַראָנעם אַן אַרבל אַרויסגעפאַלן אַ גאָלדענער ציינער... דאָס פאָלק איז אים באַפאַלן מיט טענות גערעכטע און געפרעגט: ווי אַזוי

באהאַלט מען אַ גאָלדשטיק אַזוי פֿיל מעת לעתן
ווען בייטן מע קען די מטבעה אויף עסן?

אַראָנע בלייבט אָבער קיינעם נישט שולדיק קיין ענטפֿער:

— ס'איז שולדיק אָן אַנדערער... ס'יאָר דריי אונדרייסיק...

און ער דערציילט טאַקע פֿון זיינע ביטערסטע דערפֿאַרונגען אין דעם חושך פֿון דער היטלעריסטישער הערשאַפֿט:

און ווען אין פּאָנאַר מ'האָט באַפֿוילן זיך אויסטאָן,
אַוועקגעבן ערב דערשאָס יעדער שפּרינקל,
באַגלייט דורך אַ האָגל נאַגייקעס און פֿויסטן —
דערמאָנט כ'האָב זיך דעמאָלט דעם גאָלדענעם פֿינקל
און עטלעכע גאָלדשטיק פֿאַרשלונגען ווי פּילן.
און ווען כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט אונטער הרוגים —
געזוכט אין מיין מיסט און געפֿינען. דער ווילן
צו לעבן — ער לעבט! נאָר דער טויט — נישט גענוג אים, —
אויפֿסניי מיך געפֿאַנגען, געטריבן צום שייטער.
אַ בלענד מיט אַ גאָלדשטיק — זיך אויסגעקויפֿט ווייטער.

אַזוי ווערט בדרך אגב געעפֿנט אַ שפּאַרונע צו דער גרעסטער טראַגיק אונדזערער — דער טרויעריק באַרימטער פּאָנאַר, וואָס האָט פֿאַרשלונגען אַזוי פֿיל אומשולדיקע לעבנס אונדזערע, און אויף אַ מייסטערישן אופֿן אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז סוצקעווער דעם טיוולשן כּוח פֿון „דעם גאָלדענעם פֿינקל". און אַראָנע פֿרעגט:

ווי קען איך מיין איינציקן שיצער פֿאַרהאַנדלען?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער האַמבורגער פּליט האָט אויפֿגעהערט ריידן.
צווייי טרערן ווי טריוואַקס פֿאַרזיגלען דאָס מויל אים.
און הויקערדיק־שווער איז געווען צו באַשיידן
זיין ריינוואַשן זיך דעם אַרומיקן עולם.

זיין אַנטלויפֿן אָבער „צומאָרגנס פֿאַרטאָג" אין שטאָט אַריין, איז געוואָרן דער בעסטער באַשייד צו דער אומגעריכטער רעטעניש: אַראָנע...

וווּנדערלעך שיין איז פֿאַרטראַכט און אַדורכגעפֿירט דאָס קאַפּיטל „די נייע אייראָפּע".

אין אַ בילדלעכער שפּראַך מיט אַ ראָמאַנטישן הינטערגרונט ברודערט־אויף „די ליבשאַפט פון איין זייט, פון צווייטער — די שנאה. „די עשירות פון שפּראַך פאַלט אויף אַ מערקווירדיקן אופן צענויף מיט דער מאָלערישקייט פון דער נאַטור, וואָס שפּילט־אויף מיט אַלע חנען פון סוצקעווערס גראַם־דערפינדערישקייט, ביז חי־דוש. מיט ברען און מיט כוח פירט דער דיכטער אַרוים די העלדן פון זיין געהיימשטאָט אונטער דעם פרייען הימל, צו אַ נאָך מער זי־כערן ציל, ביז „...זיי ווערן די רחבות אַליין!...״ ווייל —

עס האָט נאָך קיין שניי ניט דערפרייט אַזוי גוואַלדיק
די דבורלען און פאַליען וואָס לויערן וואַלדיק.
זיי שעמען זיך אָנצוזען איינער דעם צווייטן,
בלויז פינגער אין פינגער זיך פלעכטן. די מינע —
ביי פאַליען אין בוזעם. ער וועט זי באַלד גרייטן.
די ליבשאַפט פון איין זייט, פון צווייטער — די שנאה...

און דווקא די ליבשאַפט וואָס האָט זיך דאָ פאַרחברט מיט דער אויפרייסנדיקער שנאה, רופט אַרוים צום פאָדערגרונט דעם אַקט פון מסירת נפש אויף דעם מזבח פון דער שנאה, ביז

עס ציט זיך אַ שנירל פון ביידנס געדאַנקען
אַהין צו דער מינע. דאָס שנירל גיט איבער
אַ תפילה, אַ מענטשלעכן ווילן. עס בלאַנקען
פון ווייטן די רעלסן. אַ שעה גייט אַריבער,
און — גאָרנישט. נאָר באַלד נעמט זיך טראָגן אַ סאָפּע.
דאָס שנירל גיט איבער אַ פונק צו דער מינע,
דער פונק ווערט אַ פלאַם, און די יונגע אייראָפּע״ —
צעשפּרינגט ווי אַ טאָפּ אין געצוונטערטער שנאה.
אַ בוים שיט אַרונטער זיין צירונג אויף ביידן,
און ליפּן אויף ליפּן פאַרבייטן דאָס ריידן.

אַזוי ווערט מקוים די תפילה וואָס דאָס שנירל גיט איבער, דער מענטשלעכער ווילן וואָס שפּרינגט־אויף „אין געצונטערטער שנאה״ — ווייל דאָרטן, דורכאויס דאָרטן: אין אונדזער געהיימ־שטאָט — לעבט מען מיט דער האָפענונג —

דערוואַרט מען, ס׳זאָל ווערן דער אויפרייס מקוים".
און דער אויפרייס איז מקוים געוואָרן!
און „געזעטיקט מיט שנאה, פאַרהונגערט מיט ליבשאַפט",
אויף זייער וועג צוריק אין דער געהיימשטאָט —
האָט אָנגעיאָגט פון דער לבנה אַ רייטער:
— צווהין אין דער נאַכט? און אַ שפרונג פונם זאָטל
פאָרויס מיטן שפייער: פון וואַנען? ווער זייט איר?
פון וואָסער בריגאַדע? ניט געבן קיין טראָט!

און פאָליע דערקענט דאָ דעם בלאָנדן אַדאַמעק. און אַביסל שפעטער אין דער זעמליאַנקע — דערציילט אַדאַמעק „וועגן ביטערע קאַמפן" און וועגן דעם אומקום פון זיין טאַטן אויף אַ תליה „פאַר דורכשטופן ברויט דורך אַ גראַטע..." און שפעטער, אינמיטן דער סעודה — ענטפערט פאָליע מיט אַ נצחון פייערל אין זיינע אויגן:

— דערפאַר האָט מען היינט זיי באַצאָלט ווי געהעריק.
די שריפה געזען? דאָס האָט דבורל, זיי וויסן,
דעם פיינדס עשאַלאָן אין דער לופטן צעריסן!

און אַדאַמעק זאָגט צו, ביי פולע גלעזלעך פאַרשטייט זיך — צו „ראַפּאָרטירן אין שטאַב" און ער בעט זיך:
פאַרבלייבט אין זעמליאַנקע, חברים, איך בעט אייך.
דבורל אָבער פאַרענטפערט זיך, צוליב דעם וואָס „...מיר קענען נישט לאָזן די נאָנטסטע..." ווייל „זיי וואַרטן אויף אונדזער צוריקקער". און אין נאָמען פון וואַלד, גיט זיי אַדאַמעק איבער אַן אָרדן: „דעם שפייער. מ׳באַשטימט אויף גיך אַ טרעפונג. מ׳צעשיידט זיך, און באַלד —

מאַרשירן געאָרעמט די צוויי דיווערסאַנטן.
די פאַנצער־לבנה גייט נאָך זיי פאַרטייעט.
פאַרגלייבט אין דער זויבערער וואַלדיקייט שפאַנטן
צו ברענגען איר דריערד די צעשטערנטע פרייהייט.
און הינטער זיי ביידן עס גליען נאָך, בלאַסן
פון באַן דעם פאַרברענטן די פאָמסענע פאַסן.
און דאָס גליען הינטער זיי פון די „פאָמסענע פאַסן" פון דער־

פארברענטער באַן, באַגלייט זיי ווי מיט געזאַנג צוריק אין דער גע־היימשטאָט, ווו דאָס פאָלק זאַלבעצענט וואַרט אויף זייער צוריקקער.

דאָס לעבן אין דר'ערד באַוועגט זיך מיט אַנונג און חלום אויף דער וואָר. קיינער ספק'ט נישט אפילו אין דער דערנענטערונג פון דעם שטורעם וואָס אָטעמט מיט דער זעאונג פון אַ נייעם בראַ־שית. און אַלע, אַלע ריכטן זיך מעת לעת'יק „אַז קריינע, די טראָגע־דיקע פרוי, וועט געבוירן". און אַז עמיצער גיט פּלוצים אַ פרעג, צי דער מאַן אירער לעבט,

...דערציילט זי פאַר אַלעמען: ניין, כיהאָב אים קיינמאָל
נישט אָנגעזען. דאָרטן, צעלייגט אויף די גראָזן,
ביים רויש פון אַ ווייסן צעפּרילינגטןביימל,
האָב איך מיט פאַרמשפּטע יידן אַ קופּע
געוואַרט, אַז דער טויט־זאַל אונדז שפּרייטן אַ חופּה.

און בשעת מ'האָט פאַרטאָג זיי געשלעפּט פון דער קופּע „צום קלע־פּיקן גראָבן", פּונקט

...דעמאָלט, פאַרשפּרונגען איז מיר ווי אַ חיה
אַ ליבשאַפט־באַגער און געמאָנט זיין דערפילונג.
אַ ליבשאַפט נאָך שטאַרקער פון אומקום, אַ נייע.
געמאָנט אין מיין לעצטקייט אַ קילונג, אַ שטילונג.
און איך האָב אַן זינען געמאָנט און גערופן,
אַ מאַן אַ געליבטן צעווישן די גופן.

און די מאָנונג פון דער ליבשאַפט ביי דעם ראַנד פון סאַמער לעצטקייט וואָס איז נאָך „שטאַרקער פון אומקום", האָט דאָ אויף דעם דראַמאַטישסטן אופן מנצח געווען איבער דעם אומפאַרמיידלעכן טויט:

און ערב דעם זונאויפגאַנג, ווען אויף די זעמדער
געפאַלן איז טוי — האָב איך יענעם געפונען.

ביים לייענען אָט די פערזן ציטערט־אויף דיין נשמה. דו וו'ערסט פאַרכאַפּט פון דער אומגעוויינלעכקייט פון אַזאַ טעמאַטיק, פון דער עכטקייט און אָפנהאַרציקייט פון דעם באַמאַלענעם כאַ־ראַקטער און פון דער איידלקייט און ראַפינירטן אופן ווי סוצקעווער באַאַרבעט עס אין זיין פּאָעמע, אָן אַ שפּור פון באַנאַליטעט. עס באַ־

קומט זיך אַ בילד פון אַן אומגעווײנלעכער ווידוי פון אַ מענטשן וואָס שוועבט אומבאַהאָלפן צווישן לעבן און טויט, איז דורכאויס באַוווסטזיניק וועגן דעם, און האָט פונדעסטוועגן דעם כוח פון זיין אָפּגעהאַרציק און וואַך־זיין צו דער אוממעגלעכסטער מאָנונג „אין מיין לעצטקייט", צו דעם סובטעלסטן צושטאַנד און אויפגעברויזטקייט פון אַ געמיט וואָס איז דורכאויס זעלטן אין דעם לעבן פון אַ מענטשן.

און דאָס אומגעווײנלעכע, דער לײדנשאַפטלעכער באַגער „צו קומען אין קבר אַ זאַטע" — האָט מיט ברען אויפגעתפילהט:

— טרינק־אויס מײַנע ליפּן, דו ליכטיקער פרעמדער,
און שעפּ מיך אַרויס, ווי מע שעפּט פון אַ ברונעם
אַרויס די לבנה. כיוויל אויסער דער לאַטע
אויך מיטנעמען תענוג אין טויטן זכרון
און קומען אין קבר אַ זאַטע, אַ זאַטע,
אַ זאַטע מיט ליבשאַפט אויב ניט מיט קיין יאָרן.
די לופט האָט געיגוססיט. נאָר אונטער די קוילן
עס האָט מיר אַ כוח צו ליבן באַפוילן.

און דער אומגעווײנלעכער פאַרלאַנג אויף מיטצונעמען „אויך תענוג אין טויטן זכרון" און צו „קומען אין קבר אַ זאַטע", האָט איר געבראַכט דערצו, אַז „דער כוח צו ליבן" האָט טאַקע געזיגט און אין איר לייב פאַרשמאָלצן אַ געטלעכן זאָמען...

און אָט דער געטלעכער זאָמען, ווערט דאָ פון סוצקעווערן מיט זעלטענער גבורה אַרײַנגעקשנט און, — זאָל איך זאָגן: אויך אַרײַנגעליכטיקט — אין דעם חושך פון דעם טויט, ווי דער סימבאָל פון אומגעריכטן אָבער אוממיטלבאַרן אויפלויכט פון לעבן און דורכאויס אייביקער פאַרברידערונג צו דעם קאָסמאָס, אין זיין אומענדלעכן שפּיל פון צעשטערונג און באַנײַאונג צווישן ליכט־און־שאָטן, טויט־און־לעבן און — פאַרקערט.

און ווייטער:

דערנאָך האָבן היגט אונדז געשלעפּט אין די גריבער
און סיהאָט זיין צעשאָסענער גוף מיך באַרעגוט.

נאָך קענטיק דער טויט אין דער שטאָלענער שחיטה
האָט מער אויף מיין גוף נישט געהאַט שוין קיין שליטה.

אזוי האט „דער געטלעכער זאָמען" איצט געקראָגן א תיקון אין דער געהיימשטאָט, און דער עולם

...האָט אָנטייל גענומען אין גליק, אינם ליידן.
— אוי מזל־טוב, יידן, אַ יינגל, אַ יינגל,
און טאַקע געבוירן אין העמדל פון זיידן!
און עולם איז בענטשט ווי אַ ליכט ביי הבדלה:
— דאָס קינד זאָל דערלעבן דעם שונאס מפלה!

און דאָס קינד ווערט דער סימבאָל פון ווידערגעבורט און באַנייאונג און ער דערלעבט טאַקע, ווי עס באַשטעטיקט זיך שפּעטער — דעם שונאס מפלה. —

דער דאָקטאָר ליפּמאַן, אין זיין איינציקן כאַלאַטל וואָס ווערט דאָ פון דבורלען געהאַלטן „ריין ווי א שטערן", ארבעט מעשים צו אַנטוויקלען „יידישע אַנטי־טאָקסינען". ער שרייבט וועגן דעם אפילו א ביכל און ער „מאַכט עקספּערימענטן אויף אייגן לייב". ער זוכט־אויף א שטראָם פון א ביר־ברייעריי וואָס טויג דעם „בי־וויטאַמין צו באַשאַפן". ער גרייט עס צו און ס'ווערן די קראַנקע פון טרינקען געזונטער. און —

דער דאָקטאָר איז ווערט אַז מע זאָל אים באַקריינען!
זיין אויסגעפינס האָט אים דערהויבן ביי קריינען. —
דאָס אומפּאַרמיידלעכע איז ענדלעך געקומען. און כאָטש
עס וועט שוין פאַרבלייבן אַ סוד ניט צו לייזן
פונוואַנען דער פיינד האָט דערוווסט זיך די ערטער
אַוווּ אונדזער היים איז. די דאָזיקע בלייזן
עס וועלן ניט קענען פאַרפילן קיין ווערטער.

האָט זיך פונדעסטוועגן אויפגעהיט, א דאנק סוצקעווערס דירעקטן אָנטייל און באַמיונג — אין א פּאָעטישער פאָרם, דער סוד און די הערלאַיק פון דער „שלאַכט אין קאַנאַל" אין די טראַגישסטע רעטאַלן. אזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן:

און ווי ס'יהאָט אַ לצל אַהינטערן אַפּל
געעפנט דעם פאָרהאַנג פון רויזיקן חלום —

דערלאַנגט דער אַליאַרם־גלאָק הילכיק אַ צאַפּל
ווי ראָסטיק צעשפּרונגען וואָלט ערגעץ זיין שטאָל אים.
צעפּאַלמעסט די שטילקייט, דעם קלעפּיקן דרעמל
און פאַנגט אין אַ שטאָלענעם קרייז דאָס געזעמל.

אזוי ווערט אומגעריכט געעפנט דער פאָרהאַנג „פון רויזיקן חלום". דאָס געזעמל לאָזט זיך אָבער נישט פאַנגען. עס העלפט אפילו נישט דאָס „צאַקן פון שפּירהינט", אפילו דער „שאָס אין מיליאָניקע עכאָס צעשטיקלט". פאַרקערט — עס צעשטורעמט די געמיטער ביים פאָלק זאַלבעצענט, אין וועמענס מיילער עס ווערט „פּאַראייזיקט דאָס לשון ביים הערן די קיילער".

— „צו גלעזיר־גאַס גיין", גיט פאַליע אַרויס אַ קאָמאַנדע — און

סייאָגט ליפּמאַן, פאַרפאַנצערט דאָס קינד אין זיין פאָלע.
דער בלינדער און קריינע פאַרנעמען זיך נאָך אים.
און דורך די שטאַכעטן פאַרזשאַווערטע, שמאָלע, —
די זון גרינט אַריין אין צעגלימערטע שטחים.
דאָס ליכט פאַרמשוגעט די מייז מיט די לויפער
און שפּירהינט פאַרוואָיען דעם חלל אָן אויפהער.

אזוי קומען־אויף בילדער אויף בילדער, מייסטעריש געשילדערט — פון אַ מסירת נפשדיקן כאַראַקטער און קאַמף מיט אַ בלוטיקן שונא, גיגאַנטיש אין זיין פאַרנעם אין פאַרגלייך מיט אונדזער פאָלק זאַלבעצענט. און אויף פאַליעס באַפעל פאַרקלייבן זיך אַלע אויפן בית עולם. און ביים סאַמע איבערבלייב פון איין איינציקער קויל, דערמאָנט זיך פאַליע „אָן דער גאַז־רער". און צוזאַמען מיט קאַפּלען דערשאַרט ער זיך אַהינצו אָן אָטעם, און שוין — „געעפנט דעם גאַז בחפזון!" און —

די לופט האָט געזויערט. און ביידע חברים —
זיי האָבן דערוויטערט זיך פון די מערדיירים.
— אַ שוועבעלע! בליציק האָט פאַליע געצונדן
אַ שטיקל פּאַפּיר, עס געלאָזן אין סימן
פון יאָגיקן שטראָם. ווען סיפּאַפּיר איז פאַרשוונדן,
צו אָפענער גאַז־ רער געגומען דערשווימען, —
האָט פּלוצים אַ הייב זיך געטאָן ווי אַ כוואַליע

א פלאַם. און בעת מעשה איז פּאַליע אַנטלאָפן
מיט קאַפּלען אַהין צו דעם קבר פון גדליה, —
אויף גלעזער־גאַס נײַן, וו דער וועג איז נאָך אָפן.

און —

דאָרט האָט זיך מיט גלויבן דער עולם פאַרמויערט
און הינטער דער וואַנט אויפן שונא געלויערט.

און אַט דער גלויבן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונד־זער פאָלק זאַלבעצענט — האָט זיי מיטאַמאָל אויפסניי באַפליגלט מיט זעאונגען ליכטיקע, זיי אָנגעפילט מיט באַנייטן כוח און אויפגע־פרישטער ענערגיע און, ווי אַלעמאָל — זיי געדינט ווי אַן עמוד האש אין אַלע זייערע קאַמפן מיט דעם שונא און אויך מיט זיך אַליין, וואָס איז אויך נישט פון אומבאַדייטנדיקער וויכטיקייט — וואָס האָט זיי סוף כל סוף אַרויסגעפירט פון דער לאַנגער נאַכט און זיי צוגע־אייגנט צו דעם ליכט פון טאָג.

און דאָ האָט אסתר געפונען איר מקום מנוחה:
באַקומען אַ שטויב פון גראַנאַט אינם שאַרבן,
איז אסתר געפאַלן: באַוויינט מיך ניט, מילא.
זי האָט נאָך באַוויזן אַ פונק פאַרן שטאַרבן
צו אָפּגעבן דבורלען איר אַלטע פאַטשיילע.

„באַוויינט מיך נישט, מילא". — איז געווען דער דעוויז פון אונדזערע שטאַרבנדיקע קדושים, און דאָס לעבן אויף דער נייער דירה איז ווייטער אָנגעגאַנגען. —

דאָ וווינט אומהיימלעך דער טויט מיטן לעבן. דבורל באַמערקט אַ שפּין, וואָס

האָט שמייכלדיק איינגערוימט זוניקע קלאַנגען
וואָס האָבן אַרויסגעלעבט נייע פאַרלאַנגען.

און די „נייע פאַרלאַנגען" שטויסן דאָס לעבן צו גיין ווייטער, כאָטש באַלד, נאָך דער ווייסטער בהלה, האָט דער באַצווינגער פאַר־מויערט אַ טייל פון די גראַטעס, און „חושך מצרים" פאַרפילט די געהיימשטאָט. ס'איז אָבער אַלצאיינס פאַרבליבן

אַ פאָלק זאַלבעצענט וואָס מע קען נישט צעטיילן.
דו פרעגסט ווי אַזוי? כ'וועל דיר זאָגן, דערציילן:

מיר האָבן אין קעלער געפונען באַהאַלטן
אַ פרוי מיט איר צען־יעריק יינגל, — טאַמאַרע
און יוליק. און אויפן בית עלמין דעם קאַלטן
איז היימיש געוואָרן, ווי ס׳וואָלט דורך אַ שפּאַרע
דער פרילינג אַריין. אויך דאָס יינגעלע קריינעס,
וואָס אדם זיין נאָמען, — זיך עלטערט אין פריידן
און קלערט ניט פון אומגליק וואָס הויערט בשכנות.

אַזוי היימישט זיך אַריין אין קאַנאַל ווי „דורך אַ שפּאַרע דער פרילינג" אויף אַן אילוזאָרישן אופן, מיט דעם כוח פון דעם דער־מאָנטן גלויבן. און דאָס פאָלק זאַלבעצענט האַלט אָן זיין גאַנציקייט. און בשעת פאַליע מיט קאַפּלען זענען אוועק איבערן שלאַכטפעלד אויף צו

געפינען אַן אויסוועג, אַ טיר צו דעם דרויסן, —
געפונען זיי האָבן אַ מענטשן אין בלאָטע,
אַ בלאָטע־געשטאַלט, וואָס ניט מעגלעך דערקענען
קיין חילוק צווישן זיין הויט און קאַפּאָטע.

באַלד אָבער, נאָך דעם ווי זיי זענען דערקראָכן אַהיים און אים קוים דערוואַשן —

אַ האַקנקרייץ האָט זיך אַנטפּלעקט אויף זיין קליאַפּע!
און ער האָט זיך מודה געווען בעתן פאָרשן
אַז־אַז... מיהאָט אַריינגעוואָרט אים אין געסטאַפּאָ,
דאָרט אַרבעט ער קעגן זיין ווילן אַ יאָר שוין.
מע רופט אים — פּיצוקאַס, פון שטאַם — אַ ליטוויטער,
פאַרבלאָנדזשעט דאָ נעבעך אין פרעמדע קאַנאַלן.
דערנאָך איז דער זעלבער — אַ יאַשטשער אַ גרינער,
אויף דריערד פאַר די עטלעכע יידן געפאַלן:
— אַ ווייב מיט דריי קינדער, דאָס יינגסטע אַ פּיצל...
דערביי האָט אויף גאָט זיך פאַררופן דער היצל.

דאָס פאָלק זאַלבעצענט שוידערט־אויף ביי דער אַנטדעקונג פון דעם היצל, וואָס האָט נאָך דעם טרויעריקן „מוט" זיך צו פאַררופן אויף גאָט. עס צינדן זיך אָן די געמיטער ביים פאָלק —
נאָר פאַליען — אים האָבן אַ גלאַנץ געטאָן טרערן,

געשמעלצט די נקמה, די גלוסטונגען איִרע,
צעגאָסן ווי קוועקזילבער זיינע באַגערן.
מיט פיינלעכן עקל צו גאָר דער יצירה, —
פאַרדעקלט די אויגן אין מידער אַליינקייט
נישט אָנצוזען מער דאָ די מענטשישע קליינקייט.

אזוי האָט די טומאה זיך אריינגעראַיעט אין דער קדושה פון מענטשן, וואָס האָט זיך געמוזט פאַרדעקן די אויגן, כדי „נישט אָנצוזען מער די מענטשישע קליינקייט" און אויף א מערקווירדיקן אופן, אין קרעפטיק אויסגעהאַמערטע פערזן — פאַרקערפּערט דאָ סוצקעווער די הויכווערטיקע גבורה און זעלטנסטן מאָראַלישן כוח ביי דעם היינטצייטיקן יידישן מענטשן, וואָס קען מיט טרערן צעשמעלצן אין זיך „די נקמה".

דאָס הויכע געריכט איז אַוועק זיך באַראַטן, און כאָטש זיי האָבן קיין גענאַדיקס נישט אויסגעזוכט, האָבן זיי אָבער מיט דעם דערמאָנטן כוח פון זייער מאָראַלישער גבורה געפונען פאַר „אומווערדיק הרגען מיט אייגענע הענט".

זאָגט ליפּמאַן, — דער שד זאָל אַליין זיך דערוואַרגן!
— אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר זאָל ער פאַרשווינדן!
האָט ממש געשלאָגן אַ דיבוק פון בלינדן.

און אזוי איז געשען: מ'האָט פּיצוקאָסן פאַרטריבן אין העטוויטע קאַנאַלן —

„און זאָל דער באַשעפער, וואָס האָט אין זיין צלם
געפורעמט דעם מענטשן — באַשטימען וואָס ווייטער:
צי מייז אין קאַנאַל זאָל גריזשען די פעל איִם,
צי זאָל ער אַנטרינען אַ גאַליק־פאַרשפּייטער.

דאָס איז געווען דער פּסק דין וואָס אונדזער פאָלק זאַלבעצענט האָט ארויסגעטראָגן קעגן דעם ערשטן „בלאָטע־מענטש" וואָס האָט זיך דערטראָגן צו זיינע גבולן. —

טאַמאַרע, די העלדישע מאַמע — דערציילט, ווי זי האָט דורך ניסים געראַטעוועט יוליקן ערגעץ ווו אויף סובאַטש. דאָרט האָט מען

די קינדערשע הויטן ווי שאָלעכטס פון עפּל
געשיילט פון די צאַרטינקע פּנימלעך, וואָרעם

עס טויג פאַר קאָסמעטיק. ביינאַכט, אין אַ נעפּל,
פאַרשלעפּערט כיהאָב יוליקן מיט כלאָראָפאָרם,
גענומען אין זאַק, און עס איז מיר געראָטן
זיך דורכגליטשן אונטער עלעקטרישע דראָטן.

דער גורל פון יידישע קינדער אין וואָגל איז אָבער נישט נאָר געווען צו פאַרוואַנדלען די הויט פון זייערע צאַרטינקע פּנימלעך אין קאָסמעטיק, נאָר —

— ס'איז יוליק באַהאַוונט און האָט ניט קיין טענה...
אָט זעסטו: פון קברשן לײם פונם פייכטן
באַשאַפט ער אין ווינקל די וואונדער־וואָר זיינע —
אַ משה־געשטאַלט פאַר די דורות צו לייכטן.

אַזוי רופט סוצקעווער אַרויס דעם אויפלויכט פון אַן אילוזאָרישער „וואונדער: וואָר", אַ נייעם בראשית וואָלט איך געזאָגט — מיט דעם כוח פון זיין וויזיע.

און די „וואונדער־וואָר" פון יידישע קינדער „הערנערט באַפּעלעריש, מאַכטיק" אַרויס פון סוצקעווערס געהיימשטאָט אַזוי:

דער שטראַליקער קאָפּ ווי געקנאָטן אויס פייער, —
אין טונקלקייט הערנערט באַפּעלעריש, מאַכטיק.
ס'וועט ביז דער באַפרייאונג שוין זיין דער באַפרייער.
זיין בליק, — איבער פעלזן אַ זונאויפגאַנג, פּראַכטיק,
וועט יעדן קאַנאַלמענטש די בענקשאַפט אַנטפּלעקן.
און ליים, זאָגט דער קינסטלער, פון קברים וועט קלעקן.

אַזוי וועקט אַלץ און וועקט אונדזער דיכטער די האָפענונג ביי די קאַנאַלמענטשן, אַז „ס'וועט ביז דער באַפרייאונג שוין זיין דער באַפרייער" — מיט דעם כוח פון זיין וואָרט, וואָס ער פאַרוואַנדלט דורכאויס אין „דעם היינטס אַ מגילה". —

פעטראַ דער ציגיינער איז געווען אַ מעסער־שלייפער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוווסט קיין בעסערס ווי ציען איבער די הויפן, קלינגען אין גלעקל פון זיין וואַרשטאַט, און אַזוי לאָזן וויסן, אַז מ'קען אים ברענגען „שלייפן פאַרטעמפּיקטע קלינגען". נאָר ווען דער פאַרשאָלטענער דייטש איז געקומען —

אַוועק איז פעטראַ אין די וועלדער פון געגנט

באַנאַנד מיט אַ קינד וואָס אַנטרונען פון שחיטות.
און ווען ער האָט בוידן ציגיינער באַגעגנט, —
געגעבן דאָס קינד אַ ציגיינערטע: היט עס!

דערנאָך האָט ער ווידער געבראַכט א געיאָגטן, געפייניקטן ייִנגל, אים אָנגעטאָן אויפן אויער אַ רינגל

מע זאָל אים דערקענען, אַזוי האָט כסדר
זיך איבערגעחזרט. ביז איינמאָל געקומען
אין וואַלד מיט אַ מיידעלע אונטער די קליידער —
געפֿונען ער האָט שוין נישט קיינעם, בלויז בלומען
באַטויט מיט געוויין. און צעריסענע בוידן
ווו שנירלעך מיט ראַבינע־קרעלן זיך הוידען.

אפילו בלומען, וואָס בליען פאַראיינזאַמט אין אונדזער גרויל־תקופה — זענען ביי סוצקעווערן „באַטויט מיט געוויין". און דער גוטער פעטראָ ווערט ווייטער געיאָגט פון זיין אומרו און נאַטירלע־כער גוטסקייט מיט דעם צייכן פון פראַכט פון זיין שבט" וואָס בלענ־דיקט אַלעמאָל אַראָפּ פון זיין פנים. סוצקעווער זוכט אים אויף ווי אַ פערל אין דער אַרומיקער סביבה פון אויפגעראָיעטער טומאה און מיט ליבשאַפט באַזינגט ער אים און זינגט אים אַריין אין זיינע פּאָע־מעס, ווי אַ מוסטערהאַפטן טיפּ מיט אַ זעלטענעם כאַראַקטער, וואָס הויבט זיך אויף־און־אַריבער איבער דער רשעות פון זיין צייט און סביבה, און דינט ווי אַ טרייסט אין די גורלדיקסטע טעג פון אונד־זער תקופה:

אויף גלעזער־גאַס דרייצן ביים אַלטן ציגיינער
פּאַוואַן איז אַ קעלער. אין קעלער — אַ ברונעם.
און קוקסטו אין קוואַליקן ברונעם אַריין נאָר —
דערהערסטו נישט מער ווי דעם וואַסערס ניגונים.
נאָר עטלעכע שפּאַן פון דער וואַסערהויט נעמט זיך
אַ דעקל אַרויס און אַצינד קענסטו קריכן
דורך שמאָלן טונעל, ביז די ריכטונג פאַרנעמט זיך
אויף לינקס, דאָרטן הייבסטו אַ שטיין און אינגיכן
ביסטו שוין אויף גלעזער־גאַס ניין, וו עס ווינען
פון דער־אָ פּאָעמע די אַלע פאַרשווינען. —

אַזוי ווערן פאַרברידערט די גלעזער־גאַס דרייצן של מעלה מיט דער גלעזער־גאַס ניין של מטה, ווו עס „וויינען פון דער־אַ פּאַעמע די אַלע פאַרשווינען”. —

אַ פאַרוואַלגערטע בולבע שטראַלט־אויף מיט „ווייסינקע שפּראָצן” און זאָגט אָן דער געהיימשטאַט, אַז עס פרילינגט שוין אינדרויסן. און די „צעזונטע שטראָמען” דורך רעגן־קאַנאַלן

...שפּרייטן שוואַרצערדיקע ריחות צעבליטע —
אַן אָנדענק פון ווייטער, אַמאָליקער ליטע.

— — — — — —

עס האָבן די שטראָמען געזונגען אַן אָדע
צום פרילינג, אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַן אָרעם
דעם קעלער און סיהאָט זיך אַ ליניע אַ גראָדע
געצויגן פון פרילינג אַהער צו די קברים,
דערוועכט און דערוואַרעמט פאַרגליווערטע האָרבן
און אויפגעוועקט יענע וואָס זענען געשטאָרבן.

אַזוי איז סוצקעווער מחיה מתים אין זיין דיכטונג יענע קדושים אונדזערע „וואָס זענען געשטאָרבן” על קידוש השם מיט אַזעלבע משונהדיקע טויטן, וואָס זענען אפילו אין דער תוכחה ניט פאַרשריפן — אַ דאַנק „דער אָדע צום פרילינג” וואָס די קאַנאַל שטראָמען האָבן אַהער דערזונגען, און סוצקעווער — דער דיכטער פון די דינסטע עמאָציעס — האָט זיי אויפגעכאַפּט און צו אונדז זיי איבערגעענטפערט דורך דער פאַרמיטלונג פון זיינע מוזיקאַלישע פערזן. —

עס רוקט זיך אונטער דער יום־טוב פון באַפרייונג: פסח. דער פרוש ווערט זשוואַוועדיק אַקטיוו און באַיומטובט די קנייטשן פון היפל אבלים”, מיט זיין רעדלען און באַקן מצות. ער כאַפּט זיך אָבער, אַז „...מיר האָבן קיין ווייַן נישט”.

האָט פּאָליע זיך פּלוצים דערמאָנט: זיין געטרייער
געפאַלענער טאַטע, ער האָט פאַראַיאָרן
ביים סדר אין געטאָ באַהאַלטן אויף היי־יאָר
אַ פלאַש, יין־צימוקים! באַגלייט פון זכרון, —
אַצינד האָט געצויגן דער זון דורכן ברונעם

צו יאַטקעווער געסל און דאָרט אונטער גרינע
צעפּאַלענע ווענט די ירושה געפונען.

אַזוי קריגט דאָ די סימבאָלישע ירושה פון „יין צימוקים" אויך אַ תיקון.

ביים סדר האָט נאַטירלעך געפעלט אַלץ, אַ חוץ — מרור, וואָס „אַזוי איז די מאָדע" איצט... די שפּין וואַרפט אַ שאָטן דעם פרוש אַנטקעגן און פרעגט: מה נשתנה? און דאָ טרויערט־אויף דער טראַדיציאָנעלער עבדים היינו מיט אַן הייטנצייטיקן הינטערשלאָק, פון איינגאַרטיקן כאַראַקטער און באַדייט.

מיט זאַנגענער האַנט הייבט דער פרוש אַ בעכער
פון טונקעלן זילבער מיט ראַנדן פון גינגאָלד.
באַקריצלט מיט הירשן וואָס רייסן זיך העכער,
די ווענטלעך מיט פּסוקים ווי טויען באַרינגלט.

ס'איז אַ עשירות פון בילדלעכקייט עס ווערט דאָ אויף אַ זייער קאָנדענסירטן אופן אויסגעדיכטעט אין איין סטאַנזע פון פיר פערזן!
און דער פרוש

פּראַלט־אויף מיטן אַקסל די שטיינערנע קליאַפּע
וואָס פירט אין געהיימשטאָט דורך בייוועגן שמאָלע
און ברומט: שפוך המתך! פאַרגיס מיט דיין צאָרן
עמלקן, זאָל אים פאַרשרפען דיין קללה,
ווי ער האָט פאַרשייטערהויפט אונדזערע יאָרן.
אַ ראָב זאָל זיך מיאוסן קראַקן זיין נאָמען.
און אַלע אים ענטפערן איינשטימיק: אמן.

אַזוי באַקומט אונדזער דורות־אַלטער שפוך חמתך אַ נייעם פּאַעטישן לבוש און ווערט אַריינגעקללהט מיט באַנייטער גבורה אין דעם געיאָמער פון אונדזער צייט, מיט דעם כוח פון דער אָריגינאַליטעט פון סוצקעווערס דיכטונג, וואָס באַאומרואיקט און פאַרכאַפּט, רייצט די פאַנטאַזיע און רופט צו קאָנקרעטע מעשים. —

דער גורל האָט געוואָלט, אַז „ביים גראָבן אין קופּערנעם קעלער אַ ברונעם" זאָל דאָס פאָלק זאַלבעצענט ביקסן געפינען. צוערטם־אויף דאָס האַרץ ביי אונדזער דיכטער און ער פרעגט:

פאַרזשאַווערטע ביקסן, געפּוקלט אין פליאַמעס,

אַלטמאָדישע, קרומע סקעלעטן פון אייזן, —
ווער האָט אייך באַהאַלטן אין די די אמות
איר זאָלט אין געהעריקער צייט זיך באַווייזן?
דער דיכטער תפילה'ט ווייטער און ער זוכט דעם באשייד:
און אפשר געפּולווערט אין אייך האָט אַ האָפּן
אין מאַרש פון די צייטן, אַז גלייביקע פינגער
דערגראָבן זיך וועלן אַהאָל צו די וואָפן,
זיי נאָכאַמאָל אָנצילן קעגן באַצווינגער
און ענדיקן זיגעריש יענע מרידה
וווּ זינגענדיק זענען געפאַלן די שלאַכטלייט?
דערגלעקערט אין מיר זייער שטאָלענעם וידוי,
דעם סוד פון געשיכטע אַנטפּלעקט פאַר די נאַכטלייט!

אַזוי האָבן זיך די „גלייביקע פינגער" פון אונדזערע קאַנאַל־מענטשן דערגראָבן צו די וואָפן מיט דעם כוח פון זייער אייביקן האָפן, און דעם געיעג נאָך דעם „סוד פון געשיכטע", אויף דער פּאָן פון אונדזער גרויליקסטער דערפאַרונג. —

און אדמל וואַקסט און אַנטוויקלט זיך ווי דער סימבאָל פון דער געהיימשטאַט, וואָס שטרעבט צו באַנייאונג — להכעיס אַלע אומשטענדן. און באַלד, באַלד וועט ער שוין אפילו נעמען ריידן. און דווקא

וואָס מער סיהאָט דער אומגליק זיך קראָטיש דערגראָבן,
האָט אדם דאָס לעבן באַהערשט אונטערוועגנס
ווי אים וואָלט געזופּן די זון, וואָס געפאַנגען
אויף יענער זייט וועלט קען אַהער ניט דערלאַנגען.

און דער רוף פון דער זון האָט דאָ אַ מאַגישע שליטה איבער אַלעמען און אַלע ווילן זיך מיט איר באַהעפטן. —

און ליפּמאַן גייט אַרום ווי שיכור, צוליב דעם וואָס
עס האָט אים פאַרווירבלט זיין קאַנטשאַפט מיט קריינען.

און

סיאיז קריינע אין אים אויך פאַרליבט, ווי בשעתו
ביינאַכט ביי די אָפן־צעמיילערטע גריבער
ווען זי האָט אין בענקשאַפט צו שטאַרבן אַ זאַטע,

גערופן אַ פּוּעמדן: ימיין איינציקער, ליבעריו!
איר האָט זיך אַפילו גערוכט, „אַז ליפּמאַן איז דער, וועמען זי האָט גערופן אין שחיטה־באַגינען...״

און שטענדיק ווען ליפּמאַן צו איר טוט גנענען —
ווערט זי דורכן דאָקטאָר פאַרבונדן מיט יענעם.

און ליפּמאַן גלייבט אין דעם

בפרט נאָך, די ענלעכקייט גיט אַ פאַרמסר:
דער דאָקטאָר און אדם — ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

אַזוי ווערן פאַרגורלט די מזלות פון צוויי מענטשן, אונטער דעם צייכן פון דער גרעסטער טראַגיק.

און ליפּמאַן דערמאָנט זיך. דער גייסט פון דערמאָרדטן
לעבט ווייטער אין אים, ווי אַ קוסט וואָס מ׳האָט אים
אַריבערגעפלאַנצט אין אַן אַנדערן גאָרטן,
און בינען די זעלביקע זייגן זיין אָטעם.

אַזוי גיט זיך איבער „דער גייסט פון דערמאָרדטן״ אין דעם געשטאַלט פון אַ לעבעדיקן מענטשן, וואָס ווערט מיט דער צייט דער גואל הדם פון דעם פאַרשוויגענעם לעבן. —

אין די שטורמעדיקע יאָרן פון דעם פינצטערן היטלעריזם זענען די ציגיינער נישט געווען קיין אויסנאַם ביי די צעיושעטע דייטשוקעס. און אויף דעם באַפעל פון בערלין, האָט מען „געקוילעט אַ וואַלד מיט געזאַנג און געלעכטער. „פאַקטיש, האָבן די ציגיינער געטיילט דעם גורל פון די יידן. און סוצקעווער וואָס איז נישט גלייכגילטיק צו קיינעמס ליידן, דערציילט און פרעגט מיט גאַל און ווייטיק:

ס׳האָט פּושקין אַנטפלעקט אייער פראַכט, אייער וואַנדער.
זיין האַרץ האָט געפייקלט אין אייער באַנדורע.
צי ווערט דעם ציגיינערשן אומקום אַן אַנדער
באַזינגען מיט זעלביקער קלאַנגיקער גבורה? —
אָ, שטאַט, איבערהויפּט פון פּאָעטן געשעצטער!
פּעטראָ איז געבליבן, קען זיין, אייער לעצטער.

אַזוי באַוויינט און פאַר׳סך הכל׳ט אונדזער דיכטער דעם גורל פון ציגיינער, אין דער פינצטערער תקופה פון כולו נאַכט. —
דער ערשטער מאַי האָט זיך אַריינגעבראַזט אין דער געהיימ־

שטאָט און פון דאָרטן ארויסגעיומטובט נישט ווי קיין טרויערטאָג, נאָר — ווי „דער יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשע. „די געהיימ־שטאָט יערט אונז בליצט מיט האָפענונגען גרויסע. די געמיטער פלאַמען און ברויזן. די הערצער שלאָגן שטאַרקער. און דבורל — זי האָט פון איר יאַקל רויטע פּאַנעלעך געשפּינט.

און אויך ביים ציגיינער פעטראָ אונדזער שכן —
אַ פּאַנעלע בליט מיט אַ שטילן נצחון.

און אַלע, — „ס׳איז יעדער אַ בעלן די וועלט זאָל דערזען" — היצן זיך אין חושך פון דעם קאַנאַל, ביז די זון באַווייזט זיך דורך אַ גראַטע.

„און פלוצים — אַ באָמבע־געהילך איז דערגאַנגען
אַהער אין געהיימשטאָט און תיכף אַ צווייטער.
פאַרמירמלטע פנימער שלינגען די קלאַנגען
אַזוי ווי ביים הערן משיחס טרומייטער.
— — — — — — — — — — —
מע קושט זיך שוין אָפן... מע פירט אַ דעבאַטע
צי סיוועט נאָך געדויערן לאַנג אונדזער וואָגלען.

משיחס טרומייטער, דער אויפוואַך פון אַן אילוזיע — פאַר־שווינדט. און דאָס פאָלק זאַלבעצענט

פאַרנעסטן זיך ווידער אין האַרבעריק אַלע
מיט אָדערן־בליקן געשפּאָנטע אין תאוות.

און אַלע באַשליסן פאַרעקשנט: „...צו ווערן אַ יידישער ציגל אין גרונטפעסט פון אייגענער היים..." —

ס׳איז דבורל קראַנק אויף די לונגען.

דער שמייכל — צעבויגן. אין הייסער געשווינדקייט
באַוועגט זיך די ברוסט ווי אַ כוואַליע אין שטורעם.
דער דאָקטאָר ביים ציילן איר פּולס, און אַהינטער —
עס קאָרטשעט זיך פאַליע אין אירע יסורים.

און די עצה, ווי געוויילעך — איז: „צו בייטן די לופט".

און פאַליע צו דבורלען גענענט אַ פאַרקלערטער:
איז ווילנע שוין טאַקע אַ סדום אָן צדיקים?
די שטאָט וואו עס קלינגען מיצקעוויטשעס ווערטער?
געשטאַלטן פירפיסיקע טונקלען זיין בליק אים.

דאָס טונקלען פון „די פירפּיסיקע געשטאַלטן" מאַכט אים אָבער נישט בלינד צו דעם פּאַקט, אַז אַפילו איצט איז נאָך ווילנע נישט אינגאַנצן פאַרפּירפּיסיקט. ווייל —

....באַלד נעמען אַנדערע אויפגיין צוזאַמיק
אַנשטאָט די פּירפּיסיקע, גראָע געשטאַלטן —
מאַטייקע פאַרוויגט אויף דער תליה, אַדאַמעק,
פּעטראַ, וואָס מיט פאָלק זאַלבעצנט וויל זיך האַלטן.

איז כאָטש די בעסערע ווילנע ווערט דאָ דערפירט־און־רעדוצירט צו אַ פּאַקטישן סימבאָלישן ציפער: איין „פּעטראַ, וואָס מיט פאָלק זאַלבעצענט וויל זיך האַלטן" — ווערט אָבער דערמיט אויפסניי אונ־טערשטראָכן סוצקעווערס געניאַליטעט פון וואַך־זיין צו פּאַקטן, ווען זיי רעדוצירן זיך אַפילו בלויז צו סימבאָלישע איינסן. דערפאַר לויכטן זיי אויף אין אונדזער דמיון ווי אַן האָפענונגספולע טרייסט, ליכטפּלעקן אין דער פינצטער — ווי אַ צוגאָב צו דער פּאַעטישער מייסטערשאַפט פון סוצקעווערס שאַפן. דערפאַר דער עקשנותדיקער אויסרוף:

עס מוז זיך אין ווילנע געפינען אַ פּערטער!
אין שטאָט וו עס קלינגען מיצקעוויטשעס ווערטער...
און געפונען האָט זיך אין ווילנע מער ווי אַ פּערטער.

סירענעס שניידן דערווייל דעם האַלדז מיט אַליאַרם. פאַרביי־גייער לויפן. זשאַנדאַרמען אויף איטלעכן ראָג. און צווישן די לויפער — פּעטראַ. און נאָך אים

יאָגט פאָליע מיט דבורלען. עס דאַרף נאָך די קראַנקע
דערשוועבן צום טויער אויף קליין־פאַהוליאַנקע.

אזוי יאָגן זיי זיך אויף דעם יסורים־וועג:

...דער זונפאַרגאַנג הינטער זיי ביידע —
אברהם פירט יצחקן צו דער עקדה.

צוויי מענער פירן אַ מיידל אין פיבער צו מאַריאַ פעדעצקאַ, וואָס האָט נאָך פאַראַיאָרן אריינגעבראַכט דבורלען אין קלויסטער.
נאָר פלוצים לייכט עמעץ אַריין מיט אַ לעמפּל:
— פּאַספּאָרטן! — פּעטראַ גיט אַ בלישטש ווי אַ קאַסע:
— מיט גרויס פאַרגעניגן, אַ שיין מיט אַ׳ שטעמפּל...

נאָר סיבלייבן אָן קלאַנגען ביים פּרעגער די ליפּן,
אַ בליץ פון אַ מעסער שניידט־דורך זיינע ריפּן.

אזוי ווערט פאַרוואַנדלט דער דערמאָנטער סימבאָלישער ציפער פון דער שטאָט „ווו עס קלינגען מיצקעוויטשעס ווערטער" אין אַן אַקט פון זעלבסטשוץ — פאַר זיך, און נקמה — פאַר אַנדערע, דעם כלל.

און ווייטער:

— גוטנאָוונט! איך וויל איר זאָלט העלפן אַ פריילין,
אַ יידישער, קראַנקער, — האָט פּאָליע שוין פעסטער
געריסן פון גומען די ווערטער ווי פיילן.
איר קענט זי, דערמאָנט זיך, געמאַכט פאַר אַ ישוועסטערי.
גאָר ווען סיאיז דער טייוול דעם קלויסטער באַפאַלן, —
אַריין אין געהיימשטאָט, דאָט מיינט — די קאַנאַלן.

אזוי ווערט שוין צום צווייטן מאָל באַנייט דבורלס „שוועסטער־שאַפט" אין קלויסטער אונטער די גרויליקסטע אומשטענדן, אין קאַמף מיט דעם טייוול — דעם דייטש.

מאַריאַ פּעדעצקאַ איז אַ פּוילישע טאָכטער איבער פּערציק. זי שטעלט אין סכנה איר נפש פאַר יידן.

אַ קראַנקהייט מסתמא: האָט דווקא ליב יידן,
באַהאַלט זיי, באַזאָרגט מיט געפעלשטע פּאַספּאָרטן.
מע האָט זי אין תפיסה געטאָן שוין פאַרשמידן,
אַ נס האָט געראַטעוועט מאַריאַן פון דאָרטן.

אין דעם איז באַשטאַנען די קראַנקהייט מאַריאַס: צו „ליב האָבן יידן". צוליב דעם האָט איר סוצקעווער פאַרהערלעכט און פאַר־אייביקט אין זיין פּאָעמע אויף אַזאַ פּראַכטפולן אופן און אויך אונדז, זיינע לייענער — פאַרזאָגט:

זאָל יעדער געדענקען איר נאָמען, די פריינטשאַפט,
אין שרעקלעכן דור פון משוגענער פיינדשאַפט.
מיר וועלן אים זיכער געדענקען!

דער פּרוש קריגט לשון און נבואהט־אויס די קלאָרסטע זעאונג פון אַ האַלב־צעדולטן מוח:

ווען ס'האָט שוין דערגרייכט דורך צעריסענע גראַטן
דער דומפּיקער אָפּהילך פון ווייטע האַרמאַטן.

דער דאָזיקער „אָפּהילך פון ווייטע האַרמאַטן" צערודערט זיין געמיט און באַהעפט אים אויפסניי מיט זיין גאָט:

ביי אייער באַפרייונג וועט קיינער ניט שאַלן
אין רויטן טרומייט עלעהיי אויף אַ סעודה.
עס וועלן אייך ציען צוריק די קאַנאַלן
אַזוי ווי דעם הונט זיין פאַרשאָלטענע בודע. —

און בלויז דורך די לעכער פון שולן און קלויזן
וועט גאָט זיך פאַר אייך אין די הימלען אנטבלויזן.

און ווייטער:

אַ כוס פון צעמישונג וועט זיין אייער זומער,
וויל נאָכהענגען וועלן די נעכטנס ווי קייטן.
ביי יעטוועדער חתונה וועט זייער קומער
דאָס יונגע פאָרפאָלק צו דער חופה באַגלייטן.

דאָס איז דער פּחד פאַר דער ווירקלעכקייט, די אויסגעבענקטע און געאַנטע — פון אַ טיף־רעליגיעזן מענטשן, אין זיין ליידנשאַפט־לעכן צובונד צו זיין גאָט. —

דאָס פאָלק זאַלבעצענט פאַריאושט נישט קיינמאָל, אָטעמט אַלעמאָל און ברויזט מיט דער האָפענונג אויף דערלייזונג. און פּלוצים —

אַ שיפעלע גרויס ווי אַ שוואַלב איז געשווומען
אין רעגן־קאַנאַל מיט פאַפּירענעם זעגל.
געבראַכט אַ געשריפטס מיט אַ ריח פון בלומען,
באַפינקלט פון שטערנדלעך דריי ווי אַ סגל.

אַזוי הויבט זיך אָן צו באַפליישן און באַבלוטן די זעאונג פון פאָלק, וואָס טויכט־אויף אין זיין געמיט, ווי אַ ליכט אין דעם חושך פון דער נאַכט. ס'איז אַ בריוו. פאַליע לייענט אים ביים גלאַנץ פון די שטראָמען:

עס לוינט זיך אים איבערצושרייבן אינגאַנצן:
— אַ גרוס דער געהיימשטאָט, אַ גרוס אירע ווינטער,
וואָס בענקען נאָך זון ווי פאַרשלאָסענע פלאַנצן.

און דער נערום איז:

זייט וויסן, די שטאָט איז באַלאַגערט, דער יבריינערי
פאַרמעסט זיך אומזיסט, האָט געמאָלדן דער ראַדיאָ.
ער וועט נאָך מקנא זיין אונדזער חד־גדיא.

דאָס איז אין קורצן דער בשורהדיקער געווס פון דבורלען, וואָס באַטאָנט:

צוריק מיינע הענט פאַרמלחמהדיק־שטייפע,
מיין ווילן צו לעבן — פאַרעקשנטער, פעסטער.

דער ווילן צו לעבן — דאָס ברוויזנדיקע געזאַנג פון אונדזער פאָלק זאַלבעצענט, וואָס היילט, מוטיקט און גליט מיט לײדנשאַפטלעכער בענקשאַפט נאָך נצחון. און ווייטער:

ס'איז טאַקע ניט פּאַסיק צו טראָגן אַ צלם
און קלערן פון חיפה. זייט מוחל, מיר טאָרן
כסדר נישט בלייבן אבלים, אבלים,
נאָר אָניאָגן מוזן מיר בעסערע יאָרן — — —

דאָס איז דער פּאַטעטישער דעוויז פון אונדזער דיכטער אברהם סוצקעווער: „מיר טאָרן כסדר נישט בלייבן אבלים”. און דאָס אָניאָגן בעסערע יאָרן מוז און זאָל ווערן דער העכערער זין פון אונדזער לעבן נאָך דעם בלוטיקסטן מבול וואָס די היטלערישע תקופה האָט איבער אונדז געבראַכט.

פּאַליע זוכט לײדנשאַפטלעך, מיט דער הילף פון אַ קליינעם בינאָקל — „אַ סימן פון אויסלייז”. און ער באַמערקט טאַקע דער ערשטער „די ערשטע סאָוועטישע טאַנקען”. און כאַטש —

עס ווייניג אָבער הינטערן קלאַנג דאָס געוועזנס
אַזוי ווי אין וואַלדיקן שטורעם אַ פידל.

זעט ער פונדעסטוועגן קלאָר:

פון גראַטע אויף שלאָסנגאַס, ביי דאָמיניקאַנער,
ווי פּראָפּוס פון פלעשער אַליין אומגעריכטע, —
עס האָבן געגעבן אַ שפּרונג פּאַרטיזאַנער,
גענומען פאַרקויצן אין וועגט די געשיכטע
מיט קויל־היראָגליפן — — — — — — — — — — — —

דער שפּרונג פון פּאַרטיזאַנער לאַכט אויף די נעבליטן און ווי אַ רעפריין צו דער צייט וואָס האָט זיך „איבערגעשפּיגלט קאַפּויער” —

פעטראָ האָט געזונגען, דערמוטיקט די שלאַכטלייט,
באַפּליגלט מיט וואַלדיקע הימנען די נאַכטלייט.

אזוי האָבן ענדלעך די נעכטיקע העלדן זיך ווידער ארויסגע־רוקט צום פאָדערגרונט פון באַנייטן און אקטיוון אָנטייל אין שלאַכט מיט דעם שונא, וואָס האָט „גענומען פאַרקריצן אין ווענט די גע־שיכטע מיט קויל־היראָגליפן". —

די רויטע ארמיי שטראָמט ווי א לאַווע און פאַרשרפהט, פאַר־בראַנדיקט דעם שונא אויף אַלע וועגן. און כאָטש דאָס פאָלק זאָל־בעצענט האָט צוגעשטימט „זיך טרעפן צוזאַמען ביי דבורלען, האָבן אָבער אַלע 'פאַרגעסן דעם צושטים' " און ס'איז יעדער אוועק זיין יחידישן גאַנג...

אַזוי ווי דער נעכטן וואָלט זיין בלויז אַ פילם —
געלאָפן איז ליפמאַן צו זיך אין דער דירה,
נישט בענטשן קיין גומל, נישט זאָגן קיין תהילים,
נאָר אויפגראָבן כלים אין גרונטפעסטן אירע.

די געהיימשטאָט וואָס איז ארויסגעוואַקסן פון דער טרויעריקס־טער וואָר, ווערט דאָ פון סוצקעווערן פאַר'סך הכל'ט אויף דער פאַן פון דעם רעאַלן לעבן, אָן קיינע באַפּוצונגען און פאָעטישע צויטן. דערפאַר אַזעלכע דעטאַליזירטע בילדער וואָס קומען ביי סוצקעווערן אַלצאיינס ארויס פאַררונדיקט, דיכטעריש שיין אויפגעפאַסט, אין די זעלבע ראַמען פון סטיליסטישער קלאָרקייט, ווי דאָס גאַנצע בוך איז פאַרטראַכט און געשריבן.

און אזוי האָט אפילו דער בלינדער „...איינער אַליין איבער געסלעך געהונקען" און

נקמה־באַזויפט, ווי אין קרעטשמע מיט בראָנפן,
האָט ערגעץ געלאַטכענט אַ פערדל אַ ווייסן
פעטראָ, זיך געלאָזן אין בלענד פון די קאַמפן
צו זוכן ציגיינער אין ליטע און רייסן.
און ווען ער האָט קיינעם אין וואַלד נישט באַגעגנט, —
באַשפּיגן די שטערן, געשאָלטן די גראָזן,
צעבראָכן די בייטש אויף דער ווערבענער געגנט
און גיך ווי אַ פייל זיך קיין רוסלאַנד געלאָזן.

אזוי איז זיך צעפאלן די שטאט זאלבעצענט.
בלויז איינער, דער פרוש, איז ווייטער געשוועבט
אנטקעגן דעם שטראם אין קאנאל, מיטן זוהר.
געפרעגט ביי די מייז ווען משיח וועט קומען
צו ספירה צו לעצטער א פראל טאן דעם טויער.

און אז ער האט פאוואליע גענומען שטייגן אויף זילבערנע טרעפ־לעך „כדי דורך א גראטע צו זען די סימנים", דערציילט אונדז סוצ־קעווער דעם טראגישן סוף פון דעם טראגישן פרוש — איז איבער זיין געכתרטן פנים א טאנק אריבער און איבערגעריסן דעם פאדים פון זיינע מיסטישע זעונגען.

און וואס האט געטאן אונדזער דיכטער?
ווען ס'האבן אין שטאט נאך געברומט די סאָריאַדן —
געלאפן דער דיכטער איז אונטער געשפליטער
אין אשיקן געטא. געזוכט די כתב־ידן,
באגראבן ביי שייטערשן אפגלאנץ אין ציטער.
און דארטן, ווו דערנער פארשטעלן זיין מאמען, —
ביי איינציקער וואנט, ווי דעם כותל־מערבייס,
געפונען זיין ביטל דערשראקענע גראמען,
בייגאכט זיי געלייענט דעם גאט פון די אבות — — —

די כתב ידן זיינע, די פאעזיע — איז אבער מבטל זיין עניוות פון באנאמען זיינע כתבים ווי „דערשראקענע גראמען". און ווי א צוגאב צו זיינע אייגענע כתבים, זאל דא, צו סוצקעווערס קרעדיט — אויך דערמאנט ווערן, די זעלטענע אוצרות פון אונדזער פארחרובטער ייווא, וואס ער — סוצקעווער — האט ארויסגעראטעוועט פון די נענל פון שונא. און דאס לייענען זיינם זיינע „דערשראקענע גראַ־מען" פאר דעם„ גאט פון די אבות" איז מער ווי א דערמאנונג אן דער אפוועזנהייט פון פאלק דעם פארשניטענעם וואס קען אים מער נישט הערן...

א דערשיטערנדיקן און זייער פאטעטישן איינדרוק מאכט דאס לעצטע קאפיטל פון בוך, א. נ. „איך שטארב... לאז נעריסן מיין שוועסטער אין חיפה".

פאָליע קומט זען דבורלען וואָס איז שוין אַ חלוש, אַ שאָטן פון אַ מענטשן. און בשעת ער

...באַרירט די שפּיצפינגער מיט קושן
און דעמאָלט אָנטצאָפּלען די מיידלשע חושים.

ציטערט זי אויף. און פאָליע פרעגט:

— דערשראָקן? דערקענסט ניט אַן אַלטן באַקאַנטן?
אַ גרוס פון די פאַרביקע בליאונגען, שלום!

צעעפנט זי מער די באַטרערטע ברילִיאַנטן:

— אָוויסגעשוועבט האָסטו מיר אָקערשט פון חלום...

און צו פאָליעס איבערראַשונג, שלאָגט זי זיך אָן צו „שפּילן פאַר דיר די סימפאָניע פון מייז אין געהיימשטאָט”, צוליב דעם פּשוטן טעם, ווייל זי „וויל נישט פאַרזאַמען...” און דאָ צויבערט־אויף אַ בילד ביי דער פּיאַנע פון דער צאַרטסטער מעלאַנכאָליע:

אין אָפּגרונט פון פּיאַנע, ווו סידרייען זיך, מישן
לבנהשע פערל מיט הייסע רובינען —
דערהערט זיך אַ קרעכץ, און די מחנה קלאַווישן
ווי טויבן דערשראָקענע פליען אָן זינען.
און איידער די טויבן־קלאַווישן באַווייזן
נאָך אויפהאַלטן, כאַפּן דעם מיידל־גוף, — ליגט ער
אויף דריערד שוין פאַרלאָשן, אין אייביקן פריי־זיין,
פון פורפלנעם שטראָם אויסן מויל אַ באַזיגטער.
די ליפּן זיי צוקן בלויז גליווערדיק־שטייפע:

— איך שטאַרב... לאָז געריסן מיין שוועסטער אין חיפה.

„...לאָז געריסן מיין שוועסטער אין חיפה” — דער לעצטער פאַרצווייפלטער אויסדרוק פון האָפענונג אויף אַן המשך פון פאָלק אין באַנייטן ישראל...

נערירט פון דעם אומגליק בלייבט פאָליע צובראָכן. ער פאַר־וואַרפט די שייך אויפן אַקסל און ער לאָזט זיך אוועק, מיטן געדוס איבער די פעלדער פון פאַרחושכטן פאַנאַר:

„איך בין זיך געקומען געזעגענען, בעטן,
איר זאָלט מיך דערמוטיקן, ברידער סקעלעטן!

און דאָ, אויף די פעלדער פון פאַנאַר — בשעת ער האָט גערעדט

צו די אומצעליקע קדושים, אונדזערע, איז צו אים דערגאַנגען אַ געוויש:

— גיי, פּאַליע, בשלום און זיי דער שליח
פון אַלע געשמידטע אין ערדישע קייטן.
באַגאַנגענע וועסטו דעם מלך משיח, —
אַהער צו דעם אַפּגרונט אים זאָלסטו באַגלייטן.

דאָס איז דער אויפקלאַנג און געבעט־געוויין פון אונדזער פאַר־שניטענער אומה וואָס פאַרזאָגט פּאַליען, איר שליח — משיחן צו באַגלייטן „אַהער צו דעם אַפּגרונט”, כדי ער — משיח זאָל זען וואָס עס איז מיט אונדז דאָ געשען...

דאָס נאָכליד צום בוך לייענט זיך ווי אַ היינטצייטיקע תּפילה־זכּה פון אַ דיכטער־גיגאַנט, וואָס האָט געהאַט די אומגליקלעכע זכיה דורכצוגיין דעם גיהנם אויף דער ערד מיט דעם פאָלק, וועמענס טראַגישן אומקום ער אַליין האָט פאַר'סך הכּל'ט אין פּרעכטיק־פּאַ־טעטישע לידער. סוצקעווער זינגט:

געגליכן צו אַ יעגער, וואָס באַנאַכט
אַריינגעפאַלן איז ביי זיך אין פאַנג־נעץ, —
געבונדן בין איך אין דער ווילדער פּראַכט
פון מיין פאַרשפּרייטער אייגענער געזאַנג־נעץ.
און מעג איך וואָגלען, קושן זיך ביים ים, —
כּיוועל סייווי אינדערצאַמתן דאָ הויזן,
איך פיל אין ישיינקייטי מערער ניט קיין טעם,
אַ בלאָטע איז מיר היימישער פון רויזן.

און דער לייענער, ווי דער דיכטער — וויל איך דאָ צוגיבן — פילט זיך אויך ווי געבונדן אין דער „ווילדער־פּראַכט” און „געזאַנג־נעץ” פון סוצקעווערס געהיימשטאַט. און דער טעם פון זיין שיינקייט, דאָס שיינקייט פון סוצקעווערס פּאָעזיע — ווערט אים, דעם לייענער — זיכער „היימישער פון רויזן”. און כאָטש אונדזער דיכטער זוכט אַ פאַרענטפערונג און בעט מחילה „פאַר יעדן נישט געראָטע־נעם פאַרגלייך”, און כאָטש ער זינגט אין קניונג:

כיהאָב נישט געזונגען סתם. איך האָב געמוזט
אַרויסוואַיען פון זיך די קאַנאַליאַדע!

זענען מיר אים מער ווי דאַנקבאַר פאַר אָט דער קאַנאַליאַדע זיינער, וואָס וועט אָן יעדן צווייפל פאַרבליבן דער ווירדיקסטער און אויך ווירקזאַמסטער עדות און די פאַטעטישסטע קינה פון אונדזער צייט און דור.

יוני־יולי־אויגוסט און סעפּטעמבער, 1949.

ביז איצט דערשינענע ביכער פון
יחזקאל בראָנשטיין:

פון דער פרעמד — לידער און פּאָעמעס, 1929

וואַגאַבונדיאַדע — פּאָעמעס און לידער, 1935

לידער פון אַ וואַגאַבונד — לידער און פּאָעמעס, 1940

אימפּרעסיעס פון אַ לייענער — עסייען און איינדרוקן פון ביכער, 1941

צווישן טאָג און נאַכט — לידער און פּאָעמעס, 1949

דריי פרויען דיכטער פון מאָדערנעם יאַפּאַן — אַנטאָלאָגיע, איבערדיכטונג, 1951

געהיימשטאָט פון אברהם סוצקעווער — עסיי, 1951.

גרייט צום דרוק:

יאָ און נישט ניין — עסייען.

לידער פון אומעט — נייע לידער.

צווישנפעלקערלעכע מעשות און לידער — איבערדיכטונגען.

15 דיכטער פון מאָדערנעם יאַפּאַן — אַנטאָלאָגיע, איבערדיכטונג.

IMPRENTA "MODERNA"
Dr. Garciadiego No. 28
MEXICO 7, D. F.